STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04744

# HAYIM-GETSL

## Der Tunkeler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טונקעלער.

# חיים-געצל
# דער רעפאָרמאַטאָר

מיט זיינע 25 רעפארמען.

אילוסטרירט פון ב. פייגענבוים.

פארלאג
הומאָריסטישע ביבליאטעק
וואַרשאָ, 1922.

מיי נע ליבהאַרציקע
נאָלעווקעס אַ מתנה.

Druk. Br. Wójcikiewicz. Kramy Nalewkowskie.

# הקדמה.

## ווער איז חיים=געצל?

מיר האָבן דעם כבוד אייך פֿאָרשטעלן: חיים=געצל דעם רעפֿאָרמאַטאָר. אַ קאָליקער רעוואָלוציאָנער, הייסער קעמפֿער, און פֿייערדיקער פּראָטעסטאַנט אויף דער יידישער גאַס.

ניט פֿון דעם מין רעליגיאָנס־רעפֿאָרמאַטאָרן, פּראָטעסטאַנטן, אַ שטייגער, ווי דער ביאַליסטאָקער משיח, אָדער דער גבאי פֿון טלאָמאַצקער שול, אָדער, לכל הפּחות ווי ליוטער. ער איז אויך, ניט קיין רעוואָלוציאָנער און קעמפֿער פֿאַר סאָציאַלע איבערקערענישן, רעליגיעס, וועלט־אַנשויאונגען, סיסטעמען, וויסענשאַפֿטן, אַ שטייגער, ווי איינשטיין, מערמינסקי, קעמעל־פּאַשאַ, ד'אַנונציִנע, קאַוועע וכדומה. ער איז אויך ניט קיין רעפֿאָרמאַטאָר פֿון דער יינג־יידיש=קונסט=און־דיכטונג=ריכטונג־מאָדערניזם.

אונדזער חיים געצל האָט קיינמאָל ניט אָרגאַניזירט קיין פּראָלעטאַריאַטן, ניט געמאַכט קיין אַטענטאַטן, קיין באָמבעס ניט געוואָרפֿן, קיין פֿוטוריסטישע לידער ניט געשריבן, קיין גע־

טער ניט געבראָכן, קיין פּאַראַדאָקסאַליש־דושעניטלמעניש־נישט אַרבעס־צום־וואַנטיגדיקע ריידעס ניט געהאַלטן, מיט איין וואָרט, ניט פון דעם מין רעפאָרמאַטאָרן און קעמפער.

אונדזער חיים געצל איז אַ רעפאָרמאַטאָר פון אַלטעגליכן לעבן, אַ רעוואָלוציאָנער קעגן אומגעלומפּערטע געוויינלעכקייטן, קליינינקייטן, נישטיקייטן: ער קעמפט קעגן אונדזער אויטערלעכן ניט־קאָנען־האַלטן־זיך, ניט לייטיש־באַנעמען־זיך. ניט קאָנען גיין און שטיין, ניט קאָנען ריידן און שמועסן קעגן אונדזערע אומגעלומפּערטע געטאָ־מאַניערן, גלות־רגילותן, אונטאַקטיש־קייטן, אונאַנשטענדיקייטן — קורץ, קעגן אונדזער גאַנצער אויסער־לעכער ניט־ערצויגענקייט און פּאָרמלאָזיקייט.

אונדזער חיים געצל איז אַ ייד אַ בייזער, אַ כעסן מ׳קאָן זאָגן — „אַ ספּיצליוועך", און ער קאָן ניט פאַרליידן קיין אונ־אָרדנונג, האַמעטנעקייט, באַנאַליטעט, שימל, שמוץ א. אַז. וו. און אַז. וו....

און ער פּראָטעסטירט.

חיים־געצל קעמפט מיט אַלערליי מיטלען: מיט גוטן, מיט בייזן, מיט רויקן „מוסר־זאָגן" און מיט „רייבן אַ מאָרדע", מיט חוזק, איראָניע, סאַרקאַזאַם. און אַז מען דאַרף שטאַרק, איז ער ניט פויל און שפּילט אייך אָפּ אַ סקאַנדאַלכל, אַז עס ווערט לעבע־דיק און היימלעך. נאָר זיינס מוז ער אויספירן. זיין רעפאָרם מוז געמאַכט ווערן, עס מעג אים קאָסטן מי־יודע־וויפיל־אָ.

אָט אַזאַ מענטשל איז אונדזער חיים געצל דער רעפאָר־מאַטאָר. מיר האָבן די ערע!

# ערשטע רעפארם.

## גיין זאַין גאַס.

דאָס דאָזיקע בילדל שטעלט פאָר זיין ערשטער אַרויסטריט
אויפן וועג פון זיין רעפאָרמאַטאָרישן קאַמף.

חיים-געצל גייט אויף נאַלעווקעס, באַטראַכט דעם דאָזיקן
דור=הפלגה-געדראַנג, שטופעניש, שטורכעניש, לויפעניש, מיש=
מאַשעניש, און ער שטויסט זיך, ווי געוויינלעך, אָן אויף אַ
צושמייעטן, צופאַטל=
טן יידל מיט אַ
צעקודעלטן בערדל
מיט אַן אָפענעם מויל
און פאַרדרייטן דאַ=
שעק, און ביידע צו=
בוצקען זיך, אוןביי=
דע כאַפּן זיי דעם
געוויינלעכן הין=הע=
ריד = טענצל, „בואי
בשלום” און „עושה
שלום”, דער רעכטס,
יענער רעכטס, דער
לינקס, יענער לינקס,



צפון, דרום, מזרח, מערב... שטייסט מען אָן נאָך אַ יידן, איז יענער — נאָך אַ יידן, און יענער — ווידער אַ יידן, ביז עס ווערט אַ העצקעניש און אַ צומישעניש פון יידן; אַ פּאַלעניש, אַ רייבעניש אין די זייטן. כאַפּט אונזער חיים געצל דעם אמתן שטורך אין זייט, און אַ טאָרע מיט אַ שירעם אין בויך, אַז ער פאַלט שיער ניט אַראָפּ פון טראָטואַר, און ער ווערט אָנגעצונדן, ווי אַ שוועבעלע, און צושרייט זיך אויפן קול:

— צו אַלדע רוחות, איר וועט זיך אַמאָל אויסלערנען גיין ווי מענטשן, צי ניין?! איר, צוטרייטלטע ברואים, וואָס איר זענט! ווייסט איר דען ניט, אַז אַהער גייט מען רעכטס און אַהער — גייט מען לינקס?! פאַרוואָס איז אויף אַנדערע גאַסן ניטאָ אַזאַ געדראַנג און אַזאַ שטופּעניש?! פאַרוואָס קאָנען אַלע מענטשן גיין, ווי מענטשן נאָר איר קאָנט ניט?! פאַרוואָס, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, זענט איר אַזעלכע צעשמייעטע מנוולים?! גיין זאָלט איר מיר זיך אויסלערנען!!! גיין אין גאַס, ווי מענטשן!..

און חיים-געצל מאַכט סקאַנדאַלן, און ער לערנט יידן, ווי צו גיין אויף די באַלעווקעס. —

זיין ערשטע רעפאָרם.

# צווייטע רעפאָרם.

## אין טראַמוויי.

חיים געצל שטייט ביים „פּשיסטאַנעק“ און וואַרט אויפֿן טראַמוויי. אַרום אים, אָן עין-הרע, אַן עדה יידן, ווייבער, קינדער און — ווי זשע אַנדערש? — אַלע פילדערן, ווי גענז אויף אַ קאַראָמיסלע, וואָס מען טראָגט זיי צום שוחט, און קאָנען ניט איינשטיין אויף די ערטער. עס קומט-אָן דער טראַמוויי און עס ברעכט-אויס אַן אמתע ערד-ציטערניש, אַ באָמבע-אויפרייס, אַ רעש, אַ טומל, אַ שטיקעניש, אַ געקוויטשעריי, אַז הימל עפֿן זיך! מע שטופט זיך, מע שטורכעט, מע אַרבעט מיט די זייטן, מיט די עלענבויגנס, מען טרעט אויף די פיס, אויף די אָדטשיסטקעס, עס פליען אָפּגעריסענע קנעפלעך,ברילן, היטלען, אַ מהומה, ווי אויף דעם ברענעדיקן „טיטאַניק“, אויב איר געדענקט.

חיים-געצל, ווי זיין שטייגער, פּרוווט מוסרן: — וואָס פֿאַר אַ שטופעניש אויף אייערע קעפּ!? וואָס פֿאַר אַ גאַריאַטשקע, וואָס פֿאַר אַ בהלה!? וואָס פֿאַר אַן אויסכאַפּעניש אויף אייך!? איר וועט אַלע זדאָנזשן! אַלע! נאָר געלאַסן, נאָר פּאַוואָליע!..

נאָר דער עולם הערט אים ניט, און יעדער שטופּט זיך אין איינגאַנג אַריין מיט מסירת-נפש. מאַנזביל שרייען, ווייבער קוויטשען, קינדער וויינען, און איבער אַלע קולות הערט זיך נאָך אַ שטאַרקערער קול פֿון אַ יידן, וואָס שטייט מיט אַן אָפֿן

פֿאַרריסן מויל און געוואַלטעוועט און רופֿט צו איינעם, וואָס פֿאָרט קעגנאיבער אויף יענער זייט וואַגאָן:

— מוישע! מוישע!..

און יענער ייד ענטפֿערט אים פֿון דאָרטן מיט קולי-קולות און מיט אַ ווידערקויל:

— יענקל! יענקל!

און עס גייט אַ ויצעקו מיט אַ רופֿעניש פֿון אַלע זייטן.

— כאַצקל!.. יעקל!.. נאָטע-העניך!.. מעכעלאליה!.. ווו שטייסטו?!.. האָסט אַן אָרט?!... דאָס פּעקל ווו איז? דאָס פּעקל?!.. פֿאַניע פֿ.!.. פֿאַניע ט.!..שמערל, ווו ביסטו?!.. אָט בין איך!..



חיים געצל דער רעפֿאָרמאַטאָר קאָן זיך שוין מער ניט איינהאַלטן. ער כאַפּט איינעם פֿון די שרייענדיקע יידן, נעמט אים טרייסלען, ווי אַ לולב, און פּייערן ניט מיט זיין קול:

— מנוולים! אַ רוח זאָל אין... ווילדע בּרואים, וואָס איר זענט!.. עס איז דאָך פֿון אייך ניט אויסצוהאַלטן! ווו זענט איר ווו? אין אַ וואַלד? אין אַ וואַלד זענט איר? עס גייט אייך קיינבעד ניט אָן?! קיין חרפּה און קיין בּושה האָט איר ניט! וואָס האָט איר זיך, צוגעוואַלטעוועט, וואָס? חוכא-וטלולא מאַכט איר

פֿון אונז? רוּיק זאָלט איר מיר זיין! אָ נ ש ט ע נ ד י ק! וואָרום איך וועל אייך דאָ...

און די פּאַסאַזשירן פֿון גאַנצן טראַמוויי שפּיצן אָן די אויערן און הערן, ווי חיים-געצל סקאַנדאַליעוועט, און פֿאַרשעמען זיך.

חיים-געצל לערנט יידן פֿאָרן אין טראַמוויי.

זיין צווייטע רעפֿאָרם.

# דריטע רעפאָרם.

## ב ל אָ ט ע.

ניט נאָר אין אַ רעגנדיקן בלאָטיקן האַרבסט-טאָג, נאָר אפילו אין סאַמע זומער, אין אַ שיינעם טרוקענעם תמוז-טאָג, קאָנט איר אָפט באַגעגענען ביי אונז אַ פֿאַרשמייעטן פֿאַרשוין מיט אַן אויסגעשמירטע קאַפּאָטע און אפילו מיט אַ פֿאַרשלומפּערטן דזשעק אין אַלערליי מיתה-משונה-קאָלערן.

און עס איז ממש צו באַוואונדערן, ווו קריגט ער די בלאָטע? דאַכט זיך, אויף גאַנץ נאַלעווקעס איז היינט גראַדע טרוקן, בלייבט עס אַן אומ-ענטשיידען פּראָבלעם



פֿאַראַן ביי אונז אַזעלכע פֿאַרשוינען, וואָס קאָנען אָרגאַ-ניש ניט פֿאַרטראָגן קיין ריינעם בגד. אין אַ ריינעם אָפּ-געפּוצטן בגד פֿילן זיי זיך אומבאַקוועם.

עס איז, ווי יענער פֿאַרשוין, וואָס פלעגט געוואַלדעווען אויף זיין ווייב, ווען זי פלעגט אים אַמאָל אין דריי חדשים דערלאַנגען אַ פריש העמד.

— קוים זיך איינגעטראָגן אין אַלטן העמד, דערלאַנגט זי מיר פלוצלונג אַ פרישס!

דער קאָלנער ביי אַזאַ יידן איז תמיד אַזוי שוואַרץ, אַז איר קאָנט אויף אים שרייבן מיט קרייד.

דערזען אַזאַ יידן אין אַ ווייסן קאָלנער, איז אַזאַ זעלטענהייט, ווי זען אַ ווייסע קראָ.

עס פרעגט זיך אַלזאָ: ווער טראָגט זיינע קעלנער, ווען זיי זיינען ווייס?

אַ צווייטע האַרבע פּראָבלעם.

מילא, גייען זיי אום, די פֿאַרשוינען, אין די פֿאַרברודיקטע קאַפּאָטעס און מיט קויט־באַשפריצטע מאַנטלען און פֿאַרשלומפּערטע הויזן און שמוציקע קאָלנערס און — אָן סכנה.

ובאמת, צו־וואָס דען אַרומפּוצן די קאַפּאָטע? קלייבט מען זיך דען גיין אויף אַ חתונה?

חיים־געצל אָבער קאָן עס ניט פֿאַרטראָגן. און ער כאַפּט אַזאַ פֿאַרשוין און ער שפּילט אים אָפּ אַ „וויוואַט” אין סאַמע מיטן גאַס, טייטלענדיק אויף זיין קאַפּאָטע:

— זעט נור, זעט נור, ווי איר זענט אויסגעפּאַטשקעט. ווי שעמט איר זיך דאָס ניט אין אייער ווייטן האַלדז! ס'איז דאָך אַ שאַנדע און אַ חרפּה פֿאַר דער וועלט!.. וואָס? חולה זענט איר יעדן טאָג אַרומצוואַשן אייער בגד?!.. מענטשן זאָלן ניט האָבן קיין ברעקל זין פֿאַר ריינקייט, פֿאַר שיינקייט. פּונקט ווי חזירים אין בלאָטע... נאָר מילא, די עסטעטיק בין איך אייך מוחל. אָבער די היגעניע! עס איז דאָך אַזוי אומגעזונט! ווער ווייס, וויפֿיל באַצילן איר טראָגט אויף דער קאַפּאָטע. און עס איז טאַקע אַ חלול־השם אויך. וואָס וועט מען זאָגן? אַז יידן זיינען אַ ברודיק פֿאָלק... וואָס? טרדת הפרנסה? איר האָט קיין

צייט ניט? פאַראַן מער פאַרנומענע און באַשעפטיקטע מענטשן פון אייך. ביי די אומות-העולם איז אויך פאַראַן פאַרנומענע מענטשן, פונדעסטוועגן געפינען זיי צייט אַרומצופוצן זייער בגד יעדן טאָג, און גייען ניט אַרום אַזוי פאַרשמאָנדערט און פאַר-דריפּעט און פאַרהאַמשקעט און פאַרפאַטשקעט און פאַרפּראַטשקעט, ווי איר. טפו זאָלט איר ווערן! ברודיאַרזשעס!

דער ייד הויבט-אויף די פּאָלעס פון זיין בגד, דערזעט דעם גרויסן שלומפער און פאַרשטייט, אַז כמעט האָט חיים-געצל רעכט.

און חיים-געצל לערנט יידן צו פוצן די קאַפּאָטע און אַרויס-גיין אין גאַס אין אַ ריינעם בגד.

זיין דריטע רעפאָרם.

# פֿערטע רעפֿאָרם.

## פסס!.. פסס!..

חיים-געצל גייט אין גאַס. ער דערהערט „אַ פּסיקעניש״ — פּסס... פסס... ער דרייט זיך אום. עמיץ שטייט מיט אויסגעטאַר-טשעטע ליפּן מיט אַ פּאַפּיראָס אין איין האַנט און אַן אויסגע-בויגענעם פינגער, ווי אַ הענגער, אין דער אַנדער האַנט, און רופט, אין ווינקט, און פייפט, און סמאַצקעט:

— פסס!.. פסס!..



די גאַנצע גאַס, די דורכגייער, די אָנגעשטעלטע ביי די געשעפטן, די האַנדלאַרזשעס, די טראַמוויי-פירער, די מיליציאַנטן, די דראָזשקאַרזשעס, און מען קאָן שווערן, אפילו די פערד, די לאַמטערנעס — קוקן זיך אַלע אום צוריק-דערט צו דעם פּסי-

קער: האַ? וואָס? ווער רופט? וואָס איז געשען?

און יענער שטייט און פּסיקעט:

— פּסס... פּסס...

חיים-געצל האָט פיינט דעם דאָזיקן קלאַנג. עס גרילצט אים אין די אויערן, עס ריפּעט אים אויף די נערוון. עפּעס ליגט אין דעם דאָזיקן קלאַנג לאָבוסעוואַטעקייט, אונאַנשטענדיקייט און גאַס-הפקרות. עס הייסט: „אַז איך דאַרף צו האָבן דעם מענטשן, מעג די גאַנצע גאַס גיין חאָדאָראָם, זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף, ווען אַרט עס"?

— פּסס... פּאַניע!.. פּסס!..

דאָסמאָל האָט חיים-געצלען נאָך מער פאַרבאַקט: דער פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען און געפּסיקעט צו חיים-געצלען, האָט געוואָלט בלויז פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

אַ בעלנות פון אַ מענטשן! ער וויל פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, פּסיקעט ער צו חיים-געצלען. חיים-געצל זאָל צו אים צוגיין, וועט ער ביי אים פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. פאַרגייט עס חיים-געצלען ביזן זיבעטן ריפּ, און ער צובייזערט זיך:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפּה! וואָס?! וואָס איז דאָס פאַר אַ פּסיקעניש אויף אייער קאָפּ!? קיין אַנדער אופן האָט איר שוין ניט, ווי אַזוי צו רופן אַ מענטשן, ווי נור צו פּסיקן!.. און וואָס איז דאָס בכלל פאַר אַ פרעכקייט צו רופן אַ מענטשן, ער זאָל גיין צו אייך, כדי איר זאָלט קאָנען ביי אים פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס?! טפו זאָלט איר ווערן! קיין ברעקל אַנשטענדיקייט! קיין פונק פון מענטשלעכן טאַקט! קיין אַנשטענדיקער מענטש פּסיקעט ניט אויף דער גאַס.

און חיים-געצל בייזערט זיך אויף דעם דאָזיקן מיאוסן שאָן פון פּסיקן אויף דער גאַס.

זיין פערטע רעפאָרם

# פֿינפֿטע רעפֿאָרם.

## טיר אָנקלאַפּן.

חיים-געצל וואוינט אין אַ צימער ערגיץ אין אַ קאָרידאָר מיט אַ סך טירן.

אַ סך טירן זיינען מערסטנטייל אָפֿן, נאָר די טיר פֿון חיים-געצלס צימער איז שטענדיק פֿאַרמאַכט, מחמת חיים-געצל איז ביי זיך אין צימער באַשעפֿטיקט, און, אַז חיים-געצל איז באַשעפֿטיגט, האָט ער פֿיינט, אַז מען שטערט אים און האַלט, ווי געווײנלעך, די טיר פֿאַרמאַכט.



אַזאַ טבע האָט ער.

דאָס יידל רייסט ראַפּטום אויף די טיר פֿון חיים-געצלס צימער און קוקט אַריין נייגעריק.

— דאָ וואוינט שמואל-מעכל דער זאָקן-סוחר?

חיים געצל שפרינגט אויף, ווי מען וואָלט אים אָפּגעבריט מיט זודיג וואַסער.

— און קלאַפּן? אָנקלאַפּן אין טיר האָט איר פאַרגעסן!? ווי קומט מען דאָס אַריין צו יענעם אין צימער פּלוצלונג, ניט אָנקלאַפּענדיק?!. האַ?..

דאָס יידל פאַרענטפערט זיך:

— קלאַפּן גאָר? וואָס פאַר אַ קלאַפּן אין טיר? פּכע? איז דען די טיר צוגעשלאָסן? אַז אַ טיר איז צוגעשלאָסן, קלאַפּט מען. אָבער אייער טיר איז דאָך ניט מער, ווי צוגעמאַכט, טאָ צו וואָס זאָל איך קלאַפּן?.. געזען אַביסל?.. קלאַפּן גאָר? נייע מאָדעס...

נאָר חיים-געצל צוקאָכט זיך ערשט אויף-דער-אמתן.

וואָס זאָגט איר?—„קלאַפּן גאָר?" „נייע מאָדעס"? אודאי קלאַפּן און נאָר קלאַפּן! וואָס דען? אַזוי אַרייַנרייסן זיך אין יענעמס צימער, ניט אָנקלאַפּנדיק? ווילדע באַשעפעניש, וואָס איר זענט!.. ווו האָט איר זיך געהאָדעוועט, ווו? צווישן פראים?.. וואָס פאַר אַ הפקרות, וואָס?.. מאַלע וואָס אַ מענטש טוט ביי זיך אין צימער. אפשר קאָן איך גאָרניט אויפנעמען? אפשר וויל איך אייך גאָרניט ניט אויפנעמען? קיין ברעקל טאַקט, קין ברעקל דרך-ארץ, ניט קיין לייטישע באַנעמונג.. אָנקלאַפּן דאַרף מען! איר הערט וואָס מען זאָגט אייך?! איידער מען קומט אַריין אין אַ פרעמדן צימער, מוז מען אָנקלאַפּן אין טיר! האָט איר פאַרשטאַנען?!

און חיים-געצל לערנט יידן ווי אַזוי אַרייַנצוקומען אין אַ פרעמדן צימער און ווי אַזוי אָנצוקלאַפּן אין טיר.

זיין פינפטע רעפאָרם.

# זעקסטע רעפֿאָרם.

## טיר־פֿאַרמאַכן.

פֿאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַ פֿאַסקודנע טבע: קיינמאָל חעלן זיי אייך ניט צומאַכן אַ טיר. אַריינגעגאַנגען, אַרויסגעגאַנגען געלאָזט די טיר „נאַסשצעז" אָפֿן און גאָרנישט, ניט זייער באָבעס דאגה.

מעג עס זיין אין צוג, אין טראַמוויי, אין אַ אַנשטאַלט אין אַ קאַנטאָר, אין אַ פּריוואַט־הויז — אומעטום דאָס זעלבע.



די דאָזיקע לייט האָבן תּכלית שנאה פֿיינט „פֿאַרמאַכטע טירן", און האַלטן אָפֿנים, שטאַרק פֿון „אָפֿענע טירן", און שטענדיק האָט איר מיט זיי צו טון:

— די טיר, די טיר צומאַכן!

מילא, זומער.

צייט איז נאָך אַ האַלבע צרה, אָבער ווינטער, און ווער רעדט, אין די גרויסע פרעסט און ווער רעדט, אַז רער יקרות אויף קוילן ברענט, און אין שטוב איז ווי-עס-איז אויסגעהייצט, דע-מאָלט חאַפּט אייך אָן דער אמת׳ער גרימצאָרן אויף די דאָזיגע לייט פון די „אָפענע טירן".

וואָס-זשע טוט חיים-געצל? קודם כל פּרוּווט ער אַרויס-העננען אויף דער טיר אַלערליי אויפשריפטן אויף אַלערליי לשונות:

„מען בעט צומאַכן די טיר", „פּראָשען זאַמקנאָנץ דזווי"! „ביטע טיר צו!" „בבקשה להסגיר את הדלת", „קלאָאָז איי דאָאָר!", „פערמעי לאַ פּאָרט, סיל וויו פּלעי!", „פּראָסיאַט זאַקריוואַט דווערי!" א. אַ. וו. און אַז. וו... העלפט עס אים מטתמא ווי אַ שיר-המעלות צו אַ געשווילעכץ.

וואָרום אַ ייד קען אייך איבערלייענען אַלע אויפשריפטן מיט אַמאָל, און שטאַרק איבערלייענען און ווידער אַמאָל עס איבערחזרן און, נאָך אַלעמען, לאָזן די טיר אָפן. — אַזאַ טבע האָט ער.

האָט חיים-געצל געכאַפּט אַזאַ יידן אין אָנגעהויבן פּשוט צו בייזערן זיך בעל-פּה:

— די טיר! די טיר! פּעטער, די טיר! וואָס איז ביי אייך עפּיס זומער אין דרויסן? און אַז זומער אין דרויסן, דאַרף מען לאָזן אַ טיר אָפן? אַ טיר דאַרף מען צומאַכן! עס איז אַ נים-ערצויגנקייט. עס איז די מאוסע טבע פון פּוילקייט, נאַכלעסיקייט און בכלל פון דעם יידישן „עט למאי-נפקא-מינה"... די טיר צו! צו אַלדע רוחות!...

אַזוי פייערט חיים-געצל און צווינגט דעם יידן, ער זאָל זיך אומקערן און פאַרמאַכן די טיר. און יענער, במחילה, מוז פאָלגן. און דאַן ערשט לייגט אים חיים-געצל אַוועק די אמתע לעקציע מיט אַ צוגאָב, אַזוי, אַז יענער מוז נעביך פאַרזאָגן אַ צענטן, ווי צו לאָזן אָפן אַ טיר, און יענער צענטער — נאָך אַ צענטן, און יענער צענטער—ווידער אַ צענטן. און אַזוי לערנט חיים געצל יידן צו פאַרמאַכן אַ טיר. זיין זעקסטער רעפאָרם.

# זיבעטע רעפאָרם.

## עסן.

חיים־געצל זיצט אין אַ רעסטאָראַציע און עסט. עס רעדט זיך נור: „ער עסט“. אין־דער־אמתן קאָן ער קיין זאַך אין מויל ניט נעמען. עס שלאָגט אים צום האַרצן, עס עקלט אים צום חלשן. די סיבה איז פשוט: אַקעגן אים זיצט נאָך אַ פאַר־שוין און עסט מיט די שענסטע טיש־מאַניערן, היינו:



יעדעס מאָל, ווען דער פאַרשוין דאַרף נעמען אַ שטיקל ברויט פון טעלער, מוז ער אַלע שטיקלעך גוט אי־בערטאַפן מיט די פינגער. פיש עסט ער דוקא מיט אַ מעסער. פלייש דוקא מיט די הענט. עפנט אויף אַ גאָמבע, ווי ער וואָלט וועלן איינשלינגען דעם

שור הבר מיט די קאָפּיטעס, זופּט און כליופּעט, קײַט און טשמאַקעט, ווי אַ קוה ביים מעלה-גרה'ן.

חיים-געצל זיצט און עס הויבט אים פֿון אָרט. דער פאַרשוין דענערווירט אים. עס שלאָגט אים אָפּ דער גאַנצער אַפּעטיט. און יענער טוט זיך זײַנס:

אָפּגעגעסן, לעקט ער אויס דעם טעלער מיט דער צונג, ווישט אָפּ די הענט מיט דעם טישטוך, שנײַצט אויס די נאָז אין סערוועטקע, פֿאַרוויכֿערט אַ פּאַפּיראָס און בלאָזט דעם רויך חיים-געצלן אין פּנים אַרײַן, שיט דעם אַש אין טעלער, קראַצט זיך הינטערן קאָלנער מיט אַ לעפֿל, און צולעצט עפֿנט ער אויף אַ פּיסק, ווי אַ עלפֿאַנט און נעמט דאָרט פּאָרקן די ציין מיט אַ גאָפּל.

דאָ ווערט חיים-געצל אויפֿגעפּלאַצט, ווי אַ באָמבע און וואַרפֿט זיך אַרויף אויף דעם פאַרשוין אין אַ העליש צאָרן.

— איר אַזוינער און אַזוינער! איר זענט דאָך ערגער פֿון אַ חזיר, זענט איר! מען קאָן דאָך מיט אײַך ביי אַ טיש ניט זיצן, מען קען דאָך אין אײַערע ד׳ אמות ניט שטיין. מיאוס און ברודיק באַשעפֿעניש! איך פֿאָדער פֿון אײַך ניט קיין שיינע סאַלאָן-מאַנערן, אָבער פּשוטע עלעמענטאַרע כּללים פֿון היגיענע, דאָס פּשוטע, מענטשלעכע האַלטן זיך ביי אַ טיש האָט איר דאָך געמעגט וויסן. ווו האָט איר זיך ערצויגן, ווו? צווישן חזרים? אין אַ חזיר-שטאַל?! שוין-זשע ווייסט איר ניט, אַז פֿיש עסט מען ניט מיט קיין מעסער, און אַז פֿלייש עסט מען ניט מיט די הענט, און אַז מען טאַפּט ניט איבער דאָס גאַנצע ברויט מיט די פֿינגער. קיינער איז ניט מחויב צו עסן דאָס ברויט, וואָס איר האָט געטאַפּט! שוין-זשע ווייסט איר ניט, אַז מען ווישט די הענט מיט אַ סערוועטקע און ניט מיט אַ טישטוך און מען שנײַצט די נאָז אין אַ טאַשן-טיכל און ניט אין אַ סערוועטקע, און אַז דעם אַש פֿון פּאַפּיראָס וואַרפֿט מען אין אַש-בעכער, און אַז אויף רייניקן די ציין איז פֿאַראַן ספּעציעלע ציין-שטעכֿער און ניט קיין גאָפּל, און

דאָס אויך באַדאַרף מען טון, פאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דער האַנט און נישט מען עפנט אויף אַ פּי האתון, אַז עס זאָל איינעם שלאָגן גרין-און-געל פון אייך און פון אייער פאַסקודנעם פּיסק. אַ מיאוסע בריאה זענט איר, אַן עקלהאַפטע בריאה. פּע!

אָט אַזאַ מין שטיקל ממרא לייגט חיים-געצל אַוועק דעם דאָזיקן פאַרשוין, זידלט, זידלט, און ער לערנט. ווי אַזוי צו זיצן מענטשלעך ביי אַ טיש און עסן.

זיין זיבעטע רעפאָרם.

# אַכטע רעפֿאָרם.

## אין קאַפֿע־הויז.

גייט חיים־געצל איבער די נאַלעווקעס און פֿאַרבלאָנדזעט אין אַ ייִדישער קאַוויאַרניע אַריין. חיים־געצלן פֿאַרגלוסט זיך אַביסל אָפּצורוען, אַביסל זיצן, לעזן אַ צייטונג, טרינקן אַ גלעזל קאַווע. עס ווילט זיך אים אַביסל באַקוועמלעכקייט, געמיטלעכקייט. חיים־געצל האָט ליב געמיטלעכקייט.

נו, נו, האָט ער אָנגעטראָפֿן דעם אמתן אָרט.



חיים־געצל קומט אַריין, נעמט ער צום ערשט זוכן אַ הענגער, אויף אויפֿצוהענגען זיין מאַנטל. נאָר אויף דער גאַנצער וואַנט איז קיין סמן פֿון קיין הענגער ניטאָ. פֿאַראַן אַפֿילו אַ הענגער, ליגט ער גאָר אַ נאַ-

סער און אַ פֿאַרזשאַווערטער אויפֿן פֿענסטער. און אויף אַ הענגער, וואָס ליגט אויף אַ פֿענסטער, האָבן מיר אַ קימאַ־לן, על פּי חכמת הפֿיזיקע, קאָן מען קיין בגד ניט אויפֿהענגען. מילא, זעצט ער זיך אַוועק ביי אַ טישל אין מאַנטל און אין קאַפּעליוש. אויפֿן טישל איז אַ היבשע בלאָטקע. מען קאָן זאָגן, אַ יאַזשערע, וואָס פֿאַרצווייגט זיך און צוגיסט זיך אין אַלע זייטן אין פֿאַרשידענע אויזערן און זיגזאַגן, ווי אַ אימפּרעסיאָניסטישע געמעלעכץ. די פּליסיקייט אין דער בלאָטע איז פֿון אַ משונה־מאָדנעם קאָליר. מעגלעך, פֿון קאַווע, מעגלעך פֿון טיי, מעגלעך פֿון קרופּניק. מעגלעך פֿון ציקאָריע, און מעגלעך פֿון אַלץ צוזאַמען.

אין דער דאָזיקער בלאָטע טוקן זיך און וויקן זיך און שווימען אום בהרחבה, פֿאַרשידענע חפצים און מטלטלין שאין להן אחריות: אַ ברעקל זעמל, אַן אָפּגעריכערטער פּאַפּיראָס, אַן אָפּגעברענט שוועבעלע, אַן אָפּגעניצטע פּאַפּירענע סערוועטקע, מיט אַ חשבון, אַ בעבל, אַ לאָקש וכדומה אַזעלכע זאַכן פֿון ערשטן נויטווענדיקן געברויך. וויל ער צורופֿן אַ קעלנער, בעטן אָפּצווישן דעם טיש. נאָר אַ קעלנער אין אַזאַ רעסטאָראַן האָט אַ טבע, אַז ווען מען באַדאַרף אים איז ער גראָדע ניטאָ. נאָר אויף זיין אָרט ווערט חיים־געצל אַרומגערינגלט פֿון אַ האָפּטע יידן. איין ייד שטופּט אים אַ פּעקל שוועבעלעך, אַ צווייטער — אַ לאָטעריי־צעטל, אַ דריטער — זאָקן, אַ פֿערטער — אַ פּאָר אַלטע הויזן. און אַ פֿינפֿטער בעט סתם אַ נדבה. וויל ער זיך אַ ריר טון צו ענטפֿערן די יידן, גיט זיך דאָס טישל, געוויינלעך, אַ שאָקל. וואָרום אַזאַ טבע האָט אַ טישל אין אַזאַ קאַוויאַרניע. ער מוז זיך שאָקלען און די שטייענדיקע בלאָטע אויפֿן טישל צוגיסט זיך, ווי אַ טייך אין פֿרילינג, און עס הויבן אָן פֿליסן און פֿלייצן ריטשקעלעך פֿון אַלע זייטן אויף דער ערד, אויף חיים־געצלס קני און הויזן, אויף די שיך. אויפֿן שטול, אויף דער פּאָדלאָגע...

חאַפּט זיך חיים־געצל אויף אַן אָפּגעבריטער,— קלעבט זיך אים אָן דער שטול פֿון הינטן, וואָרום אַ שטול אין אַזאַ קאַוויאַניע

איז, כּידוּע, שטענדיק פֿעס, ווייך און קלעפּיג, ווי אַ בּלינטשיק.

דאָ צושרייט זיך חיים־געצל מיט דער אמתער רוגזה.

— דעם בּעל־הבּית אַהער! די קעלנער אַהער! אַלע אַהער! וואָס איז דאָ! אַ קאַוויאַרניע אָדער אַ שמוציקער מיסט־קאַסטן? אוּנציכטיקע בּרואים, וואָס איר זענט! מען טאָר צו אייך מיט אַ פֿוּס ניט אַריינטרעטן... עס שלאָגט פֿון אייך גרין־און־גאַל שלאָגט פֿון אייך!.. איך דאַרף דען אייער טיי? אייער קאַווע? אויף ניין־און־ניינציק־טישאָנצי־כּפּרות דאַרף איך עס. איך קום אַהער אַבּיסל אָפּזיצן, אָפּרוען, פֿאַלט מען אַריין אין אַ בּלאָטע, אין אַ זומפּ, אין בּרוד, אין שמוץ. צו אַלדע שוואַרצע יאָר! בּיי קיין אוּמה ולשון איז דאָס נישט געהערט געוואָרן. פֿוי! עקלהאַפֿט, פֿאַסקודסטווע! אַ חלול השם!

אַזוי בּייזערט זיך חיים־געצל מיט כּעס און פֿאַרדרוס, גיט אַ שפּיי און לויפֿט אַרויס.

דער בּעל־הבּית, דער קעלנער און דער איבּעריקער עולם בּלייבּן אַלע שטיין, ווי געפּלעפֿט, און קוקן זיך איבּער מיט אַזעלכע בּליקן, ווי איינער זאָגט:

מה נאמר ומה נדבּר? חיים־געצל איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט.

זיין אַכטע רעפֿאָרם.

# נייַנטע רעפֿאָרם.

## שמועסן.

שטייט זיך אַזוי אונזער חיים־געצל און כאַפּט אַ שמועס מיט אַ יידל.

שמועסט מען, דאָס יידל רעדט. רעדט, און, ווי דער שטייגער — מיט די הענט, מיט די פיס, מיט אַלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים... נאָכדעם, ווי דאָס יידל האָט גענוג צעבגעאַרבעט מיט די הענט, געפאָכעט ווי אַ ווינט־מיל, געכאַפּט פליגן, געשווומען אויפן וואַסער. „געלייגט קלאַפּטער און בלעזלאַך", געהוידעט און געוויגט זיך לארבע רוחות העולם, האָט זיך דאָס יידל גענומען צו חיים געצלען אַליין.



קודם כל האָט ער אים געטרייבערט פאַר דעם אַרבל,

אגב אוחרא געטאַפּט די סחורה און געפּרעגט, וויפיל עס קאָסט אַ מעטער און צי איז עס פון ריינעם וואָל, דערנאָך האָט ער געטרייסלט אים פאַר די לאַצן, געצופּט פאַר דער באָרד, אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר מאָל דעם קראַוואַטל און געשאָקלט, ווי אַ אַ גלעקל ביים טויער... נאָכדעם, ווי דאָס אַלץ איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער זיך גענומען צום קנעפּל, ס'הייסט צו חיים געצלס קנעפּל. צוערשט האָט ער אים געדרייט רעכטס, דערנאָך — לינקס, דערנאָך — רעכטס און ווידער לינקס, דערנאָך — אין איין ריכטונג, אַ שטייגער, ווי מען דרייט אַרויס אַ שרייפּל. אַזוי לאַנג און אַזוי בּרייט, ביז דאָס קנעפּל איז געוואָרן אויס קנעפּל. ס'הייסט, דאָס קנעפּל איז געבליבן קנעפּל, נאָר אַנשטאָט צו זיין אָנגענייט, ווי אַ קנעפּל האָט ליב, אָן חיים-געצלס קאַפּאָטע, איז עס געבליבן הענגען ביי דעם יידל צווישן די פינגער.

חיים-געצל אָבער איז, כידוע, אַ ייד אַן אַקוראַטנער און אַ פּינקטלעכער. ער איז כלל נישט, ווי די נאַלעווקער יידן, וואָס זיינען ניט מקפּיד אפילו אויף אַ קנעפּל דאָרט, ווו דאָס קנעפּל איז הן על-פּי לאָגיק והן על-פּי יושר והן על-פּי מענטשלעכקייט נויטיק. — לכל הדעות... און טאָמער מאַכט איר אַזאַ איינעם אויפמערקזאַם אויף אַזאַ מין „אָפּנהערציקייט" אויפן סאַמע „קעגנוואַרט" פון די הויזן, ענטפערט ער אייך, ווי דער שטייגער — „מילא, בין איך ניט קיין ריסטאָקראַט", אָדער ער האָט נאָך צו אייך פּרעטענזיעס.

— זע נאָר, זע נאָר דעם אַנטיסעמיט!

ניין, חיים-געצל האָט ליב, אַז אפילו אין אויבער-בגד זאָלן ביי אים אויך זיין די קנעפּלעך אין דער בעסטער אָרדנונג.

דערזעען, אַז זיין קנעפּל איז שוין ניט זיין קנעפּל, נאָר דעם יידעלס קנעפּל, האָט זיך חיים-געצל אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט אַ ירגזון.

— וואָס רייסט איר מיך פאַר די קנעפּלעך, וואָס? איר קאָנט ניט שטיין, ווי אַ מענטש און רעדן? אַזיאַט! אומגעלומפּערטע

בריאה, וואָס איר זענט! איר קאָנט ניט רעדן מיטן מויל און ניט מיט די הענט? ניט קריכן יענעם אין גרגרת אַריין? און ניט טרייבערן יענעם, ווי אַ לונג-און-לעבער? טפֿוי זאָלט איר ווערן מיט אייערע תנועות און מיט אייערע געגנג!..

בלייבט דאָס יידל שטיין באַפּאַטשט און פאַרשעמט. מיט דעם קנעפּל אין האַנט — אַ זאַכלעכער באַווייז פון זיין אומגעלומפּערטע באַנעמונג.

און חיים געצל לערנט יידן ריידן

זיין ביינטע רעפּאָרם.

# צענטע רעפֿאָרם.

## זיך=אַריינמישן.

וואָס טוט איר, למשל, ווען איר שטייט און פֿאַרברענגט און רעדט מיט אַ צווייטן מענטשן וועגן עפּיס אַן עניָן, אָדער סתּם איר פֿירט זיך אַן אינטימען געשפּרעך מיט אייערס אַ נאָענטן פֿריינט, און פּלוצלונג, מיר — ניט, דיר — ניט, מישט זיך אייך אַריין אַ דריטער פֿאַרשוין, אַ פֿרעמדער, אַ זייטיקער, וואָס ניט איר און ניט אייער מיטרעדער ווייסן אים ניט און קאָנען אים ניט?.. וואָס טוט איר דעמאָלט? איר טוט גאָרנישט. איר לאָזט אַראָפּ די אויגן, עס ווערט אייך אונהיימלעך, איר פֿילט זיך, ווי באַליידיקט. און עס ווילט זיך אייך אָנכאַפּן דעם פֿאַרשוין פֿאַרן קאָלנער און אָפּשיקן אים צו אַלדע רוחות. נאָר איר טוט עס ניט. עס פֿעלט אייך מוט. און איר מיט אייער פֿריינט שטייט איר ביידע און איר וואַרגט זיך מיט דער אומבאַנגענעמער לאַגע, און איר קאָנט זיך קיין אָרט ניט געפֿינען.

מה שאין כן מיט אונזער חיים=געצלן.

חיים=געצל שווייגט ניט. חיים=געצל איז אַ רעפֿאָרמאַטאָר. ער באַליידיגט ניט, נאָר ער לערנט, און האָט ער עפּיס צו זאָגן, וועט ער אייך עס אַרויסזאָגן — צי אין אַ ביזערדיקער פֿאָרם, צי מיט איראָניע, צי מיט אַ בייסיקן חוזק.

דאָסמאָל איז חיים=געצל געשטאַנען און געשמועסט מיט

זיינעם אַ פּריינט וועגן אַ וויכטיקן ענין. פּלוצלונג, מיר — ניט, דיר — ניט פון וואַנען נעמט זיך עפּיס אַ דריטער פרעמ־דער ייד. גוט שבת, געלע, רעטעך טראָג איך. ער האָט אויך עפּעס אַריינצוזאָגן, נו, נו,— איר מעגט שוין דעם דאָזיקן יידל ניט מקנא זיין. ער האָט שוין ביי חיים־געצלען קיין האָניג ניט געלעקט.

קודם כל האָט חיים־געצל דערלאַנגט אויף אים אַזאַ קוק, אַז דאָס יידל איז נעבעך געבליבן שטיין אַ באַטערכעטער. דער־נאָך האָט חיים־געצל גענומען דעם יידל אויפן צימבל און דוקא מיטן גוטן.



— זאָגט נור, ר׳ ייד, איר האָט שוין לאַנג אַזאַ טבע צו שטעקן די נאָז, וווּ מען דאַרף ניט? אויב איר האָט אַזאַ טבע, וואָלט איך אייך געזאָגט, אַז דאָס איז זייער און זייער ניט קיין שיינע טבע. ניט שיין אַריינצומישן זיך, ווען צוויי פרעמדע מענטשן רעדן. עס פּאַסט ניט און עס איז ניט ליייטיש, און עס איז אונטאַקטיש. אויף ענגליש איז דאָ אַ וואָרט: „מאַינד יור אואָן ביזנעס”. ס'הייסט: — ניט אייער באַבעס עסק און גייט אייך געזונטערהייט. אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען נאָך אייך שיקן דעם שאַרלאַטן־שמש. לעת־עתה וועלן מיר אויס־

קומען אָן אייך און אָן אייער עצה. אַדיו!..

דאָס יידל נעבּיך פֿאַרשטייט זיין לעפּיש-נאַרישע לאַגע. ער גיט זיך אַ קראַץ הינטערן יאַרמעלקע און גייט אַוועק פֿאַר-שעמט, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער וועט שוין פֿאַרזאָגן אַ צענטן צו שטעקן די נאָז, וווּ מען דאַרף ניט.

חיים-געצלס צענטע רעפֿאָרם.

# עלטע רעפאָרם.

## לעזן א ציַיטונג.

חיים=געצל איז מיד. קויפט ער זיך אַ ציַיטונג, גייט אַריין אין קראַשינסקיס גאָרטן, זעצט זיך צו אויף אַ באַנק און נעמט לייענען די ציַיטונג.

מילא, זיצט ער און לייענט.

צוויי יידלעך זיצן ביי דער זייט און זייַנען זייער טשי־קאַווע צו וויסן נייעס. ער לייענט. פאַרוואָס זאָלן מיר אויך ניט אַריינ־קוקן? אַ ייד איז שטענדיק נייגעריק. בפרט עס איז אי עקאָנאָמישער אי פּראַקטישער...




די ביידע יידן גיבן ביסלעכווייז אַ שמעק אַריין מיט דער נאָז פון זייטן אויבנאויף. דערנאָך

שמעקט מען די נעז אַריין טיפער, „זאַכליכער" אין צייטונג אַריין, ביז מען קריכט אַריין מיט דעם גאַנצן ראשו ורובו, מיט לייב און לעבן, אַזוי, אַז חיים-געצל קאָן שוין ניט לייענען.

חיים-געצל ווערט בייז. און גייט אַרויס מיט לשון:

— הערט נאָר, מיינע ליבע יידן, ווער לייענט די צייטונג? א י ך, צי א י ר?

וואָס איז דאָס פאַר אַ מדה אַריינצוקריכן יענעם אין די בעדערים אַריין... ווילסט וויסן נייעס, קויף אַ צייטונג און לייען. גאָרנישט. אַזוי ווי איך בין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. ניטאָ קיין שטיקל דרך-ארץ פאַר אַ פרעמדן מענטשן... פוי, אַ מאוסע מדה! זייער אַ מאוסע!.. ניטאָ קיין ברעקל אַנשטענדיקייט. ניש-קשה, עס וואָלט זיצן אַ פריץ, וואָלט איך געוואָרפן ניין-יעריקע קדחות — נאָר אַז איך בין אַ ייד, מעג מען מיר שוין קריכן אויפן קאָפּ מיט די פּאָטרעכעס, טפו זאָלט איר ווערן!

און חיים-געצל בייזערט זיך.

זיין עלפטע רעפאָרם.

# צוועלפטע רעפאָרם.

## אין טעאַטער.

חיים געצל גייט אין יידישן טעאַטער. און אַזוי ווי ער איז אַ ייד אַ היציקער און קאָן ניט פאַרליידן קיין גראָבקייט און קיין אונאָרדנונג, מאַכט ער דאָרט עטלעכע סקאַנדאַלן מיטאַמאָל.

קודם-כל געפינט ער זיין פלאַץ באַזעצט פון אַן אַנדערן און ער שפילט יענעם אָפּ אַ חתונה.



— אַראָפּ! די רגע זאָלט איר מיר פריי מאַכן מיין פלאַץ! איר אונערצויגענע בריאה, איך וועל איך ווייזן, ווי אַזוי צו פאַרנעמען פרעמדע ערטער! פּאַסקודניאַק! פּאָשאַל! היידאַ!

משלח געווען דעם פאַרשוין, מאַכט ער נאָך עטליכע סקאַנדאַלן: איינעם — אלמאי ער זיצט זיך צולעגט ווי ביי זיין טאַטן אין ווייגאַרטן, די פיס פאַרוואָרפן אויף דער צווייטער באַנק, אַ צווייטן — אלמאי יענער עסט אַ פּאָלקע פון

אַ הוהן און וואַרפט די ביינדלעך אין אַלע זייטן, אַ דריטן — אלמאי ער זיצט און נייט איין גאַר אַ קנעפּל אין די תחתונים. אַ פיערטן — אלמאי ער האָט אויפגעהאָנגען זיין מאַנטל דוקא, אויפן אָנלען פון שטול, אַ פינפטן, אַ זעקסטן — אלמאי זיי האַלטן אין איין שרייען און רודערן און לאָזן ניט הערן, וואָס מען שפּילט.

— איינער באַוואונדערט, די ערשטע ליבהאָבערן און דוקא אויפן קול:

— אוי, אַרבעט זי! אַ שלאַק זאָל זי טרעפן!

— נאָך איינער פון פובליקום פראָטעסטירט קעגן דער שטיק. עס געפעלט אים ניט, וואָס עס איז ניטאָ קיין געזאַנג — „כ׳האָב געמיינט, ס׳איז אַ שפּעוואַ־שטיק ערשט ס׳איז גאָר אַ מאָווע־שטיק! יאָך האָב ניט קיי צייט!“

און קריכט צווישן די בענקלעך און טרעט אויף די פיס.

אויף דער בינע קושט מען זיך און פון פובליקום ענטפערט מען און מען סמאָצקעט.

— טשמאַק, טשמאָק!..

אויף דער בינע גייט אַ רירענדע ליבע־ערקלערונג און פון דער לאָזשע שעפטשעט איינער דעם אַנדערן:

— פאַניע קאַ! איך האָב אַ וואַגאָן קאַרטאָפל צום פאַרקויפן!

חיים געצל זעט, אַז צו די אַלע סקאַנדאַלן וועט ניט נעמען קיין סוף, און אַז ער וועט דאַרפן סקאַנדאַלעווען ביז טאָג. וואָרום, ווו אַ פאַרשוין, דאָרט אַ סקאַנדאַל, ווו אַ רגע — אַ סקאַנדאַל.

אַז היים געצל שטעלט זיך דאָס ניט אויף און שפּילט אָפּ איין גרויסן ריזיקן סקאַנדאַל.

— איר, חמורים, אָקסן, בופעלאָקסן! — פייערט חיים געצל — איר וועט זיך אַמאָל אויסלערנען זיצן אין אַ טעאַטער ווי מענטשן, צי ניין? ווו זענט איר, אין אַ שטאַל, צי אויף אַ

מאַרק? ניִשקשה, אין אַ ניִשט־יידישן טעאַטער זיצט איר ווי די קעצעלעך, קיין פּיִפּס ניִט צו הערן. און נור אין אַ יידישן טעאַטער ערלויבט איר זיך אַלע חזירייען! גראָבע יונגען, וואָס איר זענט! רויִק זאָלט איר זיִצן, אַנשטענדיִק! וואָרום איך וועל איייך...

מען רייסט איִבער די פאָרשטעלונג. אַ פויזע. מען הויבט וויִדער אויף דעם פאָרהאַנג... עס ליגט אָבער... עס איִז שוין רויִק. און חיים־געצל לערנט יידן, ווי צו זיִצן איִן יידיִשן טעאַטער.

זיין צוועלפטע רעפאָרם.

# דרייצענטע רעפאָרם.

## די אויבס־העגדלערן.

חיים־געצל גייט פאַרביי אַ געוועלב. ער זעט אויפן טישל אויסגעלייגט שיינער אויבס. עס געפעלט אים דאָס אויבס. שיין, שמעקעדיק, פריש — אַ מחיה. און אַ שטעקעלע שטייט דאַביי אַריינגעשטעקט מיט אַ פרייז אויפגעשריבן: אַזוי פיל און אַזוי פיל קאָסט דאָס אויבס. ס'איז גוט, מען דאַרף זיך ניט דינגען...



חיים־געצל בעט אָפּוועגן זיך אַ פאָר פונט פון דעם דאָזיקן אויבס, דאָס געוועלבּווייבל נעמט אַ פאַפירן־בייטל און וואָס טוט זי? אָנשטאָט אַריינצולייגן פון דער קופּע אויבס, וואָס ליגט אַזוי שיין אויסגעלייגט און וואָס חיים־געצל האָט בדעה צו קויפן הויבט זי אָן

ך-גיך אַריינצולייגן אָבגעקליבענע, פּאַסקודנע פּירות, צופוילטע, צודאַרטע, פאַרעלטערטע און ווערמדיקע.

חיים-געצל ווערט אויפגעקאָכט, עס פאַרדריסט אים ניט אַזוי דאָס געלט. חיים-געצל איז ניט קיין קאַרגער. עס פאַר-דריסט אים נור דער שווינדל, און ער צובייזערט זיך.

— הערט נאָר, יודענע! שרייט ער מיט כּעס — איך קויף ביי אייך אָט דעם אויבס, צי אָט י ע נ ע ם, וואָס איר לייגט מיר אין זעקל אַריין? דאָס איז דאָך אַ געמיינע נאַרעריי! פון פאָרנט שטעלט איר אויס דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און דעם קונה גיט איר פון הינטן, אשפה! מיסט! וואָס מען קען אין מויל ניט נעמען! איך דינג זיך דען מיט אייך? איר ווילט פאַרדינען? פאַרדינט אייך געזונטערהייד, אָבער וואָס האָט איר צו באַשווינדלען מענטשן? געזען אַביסל? ניט דאָס ערשטע מאָל: קויפסט, דאַכט זיך, גוטע סחורה. קומסט אַהיים קוקסט אַריין אין בייטל — פּאַסקודסטווע! שווינדעריי! טפו! מאוס! מען טאָר אַזוי ניט האַנדלען!

און אַזוי שטייט חיים-געצל און לערנט דער יודענע, ווי צו האַנדלען.

זיין דרייצענטע רעפאָרם.

# פּערצענטע רעפאָרם.

## קאַרשן־קערלעך.

שאַ! חיים געצל איז דאָ!

מען דאַרף אים זייער נויטיק. מחמת עס איז אָנגעשטאַנען דער סעזאָן פון קאַרשן, איז אַ גאַס ניט דורכצוגיין. ווו איר גייט, ווו איר שטייט, האַלטן מענטשן אין איין שפּייען מיט קערלעך. גייען מענטשן אַלטע, יונגע, מאַנסביל, דאַמען, האַלטן פּאַפּירענע בייטלען מיט קאַרשן אין האַנט, וואַרפן אין מויל אַריין און שפּייען מיט קערלעך „טפו״, „טפו״ אויף וואָס די וועלט שטייט. שפּייען אייך אין פּנים אַריין, אויף די קליידער, אונטער די פיס. אויף די ווענט, מיט איין וואָרט, עס גייט אַ שפּייעניש און אַן



אמתע באַמבראַדירונג פון אַלע זייטן.

מילא, דאָס בילד איז אפשר נישט אַזוי עסטעטיש. און די ריינקייט פון די גאַסן ווערט אויך דערפון נישט גרעסער. נאָר ווען מען אַרט עס? און אין וועלכן „ספר פראַלבק" שטייט עס, אַז אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן עסטעטיש און אַז אַ גאַס דאַרף זיין ריין?

אלא, וואָס דען? עס איז דאָ אַ שטיקל סכנה דערביי. מענטשן גייען, גליטשן זיך אויס איבער די קערלעך, פאָרן אום ווי אויף רעדלעך, פאַלן און ברעכן זיך רוק און לענד.
און דאָס איז שוין אַביסל ניט נאָר קיין אַנגענעמע זאַך. פאַר דעם פאַלער, נאַטירלעך.

גייט חיים געצל איבערן גאַס און עס פליט אים אַ שפּיי מיט אַ פּאָר באַסע קערן אין פּנים אַריין. ווישט ער זיך אָפּ דאָס פּנים און וויל גיין ווייטער, טרעט ער אָן אויף אַ קערל און גליטשט זיך אויס, גיט זיך אַ בויג־אויס פון פאָרנט, אַ בויג־אויס הינטן, אַ וואַקל רעכטס, אַ וואַקל לינקס און פונקט ווי אַ שכור בלייבט מיט נסים שטיין אויף די פיס. בצול געוואָרן פון אַן אומגליק.

נאָר עס פאַרקאָכט אים דאָס האַרץ און ער ווערט מלא רציחה, און ער פאַלט אַרויף אויף דעם שפייער מיט אַ ויצעקו:

— וואָס פאַר אַ שפייעניש אויף אייערע קעפּ! וואָס פאַר אַ וואַרפן קערלעך הינטער די פיס?! ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן! עס אַרט אייך ניט, טאָמער וועט איבער אייערע קערלעך עמיצער ברעכן האַלז־און־נאַקן? און אַז איר אַליין וועט אייך צוברעכן אַ פוס, וועט אייך זיין גוט? אונגערצויגענע בלינדע ברואים! קורצזיכטיקע, נאַרישע הפקר־יונגען! מען טאָר דאָך אייך אויף אַ לייטישע גאַס ניט אַרויסלאָזן. מענטשן ווילט איר קאַליעטשן. קיין סיביר דאַרף מען אייך פאַרשיקן! קאַטאָרגע איז דאָך פאַר אייך ווייניק!

קלויבט זיך צונויף אַ רעדל מענטשן פֿאַרבייגייער, בלייבן שטיין מיט זייערע בייטלען קאַרשן אין די הענט און מיט אָפֿענע מיילער. נאָר קיינער שפּייט שוין נישט מיט קיין קערלעך.

זיין פּירצנטע רעפֿאָרם.

# פֿופֿצנטע רעפֿאָרם.

## דער שירם.

אַ מענטש מיט אַ פּאַראַסאָל איז שטענדיק אַן עגאָיסט.

אַזוי האָט אַמאָל געזאָגט אַריסטאָטעלס, און היים גיצל איז מיט אים מסכּים.

ובאמת, אַ מענטש, ווען ער גייט מיט אַן אָפֿענעם פּאַראַסאָל אין האַנט האַלט ער זיך אַזוי גדלנדיק און האָפֿנדיק, אַז קיינער איז צו אים ניט גלייך.

עס אַרט אים ניט, טאָמער ריִנט פֿון זיין פּאַראַסאָל עמיצן גלייך אין קאָלנער אַריין, אַבי אים איז טרוקן, ער איז געשיצט.

אויסער דעם איז אַן אָפֿענער פּאַראַסאָל אין מאַנכע אומגעלומפּערטע הענט פּשוט אַ מעוד להזיק: איינעם שטעכט ער אויס אַן אויג, אַ צווייטן צוראַצט ער דאָס פּנים, אַ דריטן צומורשט ער די פֿריזור, אַ פֿירטן וואַרפֿט ער אַראָפּ דעם קאַפּעליוש פֿון קאָפּ אין דער בלאָטע אַריין אָדער אונטער די רעדער פֿון טראַמוויי, און גיי כאַפּ אים.

די געניזוקטע רוקן זיך אָפּ אָן אַ זייט מיט גרויס הכנעה פֿאַרן פּאַראַסאָל, פּונקט ווי פֿאַר אַן אומפֿאַרמיידלעכער סטיכישע קראַפֿט. זעלטן, ווער עס פּראָטעסטירט.

בלויז די נאַטור אַליין איז זיך אָפּטמאָל נוקם אָן דעם

דאָזיקן מזיק. שיקט־אָן אַ שטורעם־ווינט, וואָס איז עוקר מן השורש דעם פאַראַסאָל, פון זיינע קראָקוועס, שיקט אַ צומישעניש אין זיינע דראָטן־פּרענטלעך און קערט אים אויס אויף דער לינקער זייט.

און דערפאַר, ווען מיר זען אַזאַ פאַרשוין מיט אַן אויסגעלונקענעם פאַראַסאָל אין האַנט, לאַכט זיך אונז און עס טוט אונז שטאַרק הנאה.

דאָס פרייען מיר זיך איבער דער מפּלה פון אונזער בלוטיקן שונא.

די זיסע נקמה.

חיים־געצל האַלט ניט פון נקמה. דערפאַר, ווען עמיצער וועט אים אָנרירן מיט זיין שירם, וועט ער אַרויס מיט אַן אָפענעם פּראָטעסט.



געטראָפן האָט, אַז אַ דאַמע מיט אַן אָפענעם שירם האָט אים דעם קאַפעליוש אַראָפּגעוואָרפן. נאָך אַ נס — דער קאַפעליוש איז ניט אַראָפּגעפאַלן אין בלאָטע נאָר איז געבליבן הענגען אויף די שפּיצן שירם.

און חיים־געצל וויל זיך שוין אַיועקלאָזן מיט אַ ירגזון, ווי ער קאָן, נאָר פאַר אַ דאַמע האָט ער דרך־ארץ.

חיים־געצל איז אַ דזשענטעלמען.

און ער מאַכט עס אויף אַ דעליקאַטן שטייגער:

— פֿע, מאַדאַם, אָדער פֿריילן — דער גוטער יאָר ווייס אייך — איר זענט דאָך אָן עין הרע אַזוי פֿלינק און געשיקט, ווי אַ בעהעמאַט... וואָס איז עפּיס? איר האָט קיין אויגן נישט, אָדער איר זענט סתם אומגעלומפּערט מיט ליימענע הענט, אַז איר ווייסט אפילו נישט ווי צו האַלטן אַ שירם אויף דער גאַס?.. איר האָט דאָך שיעור דעם קאָפּ מיר נישט אַראָפּגעריסן. ווי אַזוי זשע וועל איך קענען לעבן אָן אַ קאָפּ? פֿע! נישט גוט, מאַדאַמיש: אָדער פֿריילן. דער גוטער יאָר ווייס אייך – אַ מענטש דאַרף זיין אַביסל פֿאָרזיכטיקער! און אַז איר האָט אַ שירם דאַרפֿט איר דען דערהרגענען מענטשן אין די גאַסן?

און היים־געצל לערנט מענטשן ווי צו האַלטן אַ שירם אויף דער גאַס.

זיין פופצנטע רעפֿאָרם.

# זעכצנטע רעפאָרם.

## דאָס געבאָרגטע בוך.

דאָס מאָל, ווי איר זעט, איז אונזער חיים־געצל באַפאַלן אַ יידן אויף דער גאַס און מאַכט אים אויסצודרייען.

וואָס איז די מעשה? מסתמא איז דאָ אַ טעם דערביי. חיים־געצל וועט ניט אָנפאַלן סתם אַזוי זיך, מיר־ניט, דיר־ניט.

חיים־געצל וועט ניט מאַכן סתם אַזוי זיך אַ סקאַנדאַל צוליב אַ סקאַנדאַל, אָדער צוליב פּאָפּולאַריטעט. חיים־געצל איז שוין אַזוי אויך גענוג פּאָפּולער.

נאָר די מעשה איז אַזאַ היסטאָריע.

חיים־געצל איז כידוע, אַ ייד אַ יודע־ספר, ניט קיין עם־הארץ, חלילה, האָט ליב אַמאָל אַריינקוקן אין אַ ספר, לייענען אַ ביכל, בלעטערן אַ זשורנאַל, וכדומה. הײַט ער, ווי דער שטייגער איז, זיין ביבליאָטעק. זיין שאַפע מיט ביכער. אַ בעל־הבתישע ביבליאָטעק. וואָס ליגט אויסגעלייגט מיט אַ פּאַראָנדעק, מיט אַ סדר, מיט אַן אָרדנונג און מיט אַ קאַטאַלאָג...

און אַז מען האָט אַ ביבליאָטעק, מוז מען אַמאָל אַ צווייטן אויך אויסבאָרגן אַ ספר. און חיים־געצל האָט דווקא ליב צו באָרגן אַ ספר. אדרבה, זאָל יענער אויך לייענען און ווערן אַ פּאָלנער קולטור־מענטש.

איז אָבער אַ צרה: אַז מען פאַרבאָרגט יענעם אַ ביכל

זעט מען עט שוין נישט צוריק.

אַזאַ טבע האָט אין זיך אַ ייד, געליִען אַ ביכל און — אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע.

וואָס־זשע פּלעגט חיים־געצל טון? נישט לייהען? דאָס טוט נישט חיים־געצל. אדרבה. ווילסט אַ בוך — נאַ, אָט האָסטו. נאָר תּוך כּדי דבור לויפֿט שוין חיים־געצל אין בוך־געשעפֿט און קויפֿט אַ פֿרישן עקזעמפּליאַר פֿון דעם זעלבן בוך און שטעלט עס אַריין אין שאַפֿע. זאָל די ביבליאָטעק נישט געמינערט ווערן און דער קאַטעלאָג ניט קאַליע ווערן.



וויפֿיל זשע איז אָבער דער שיעור? מען קען דאָך נישט האַלטן אין איין אַוועקגעבן ביכער און קויפֿן ביכער. ובפֿרט נאָך, אַז איינער נעמט אַוועק אַ בוך פֿון אַ גאַנצן קאָמפּלעט

ווערט עס אים דערעסן און ער כאַפּט איינעם פֿון זיינע ביכער־נעמער אויף דער גאַס און רייבט אים אָן אַ מאָרדע, ווי יענער האָט עס כּשר פֿאַרדינט.

הערט נאָר, ר׳ קרובֿ, איר האָט ביי מיר געליִען אַ בוך, פֿאַרוואָס ברענגט איר עס מיר ניט צוריק?! האַ? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ הפֿקרות! פֿאַרוואָס, אַז איר לייעט אַ חפֿץ ביי יענעם רעכנט איר כאָטש פֿאַר אַ חובֿ עס אומצוקערן, און אַז איר נעמט אַ

בוך איז גאָרנישט, הפקר־פּעטרישקע האַ? וואָס איז דאָס פאַר אַ דבר־אחרשאַפט? איר פירט מיר איבער מיין גאַנצע ביבליאָטעק! איר האָט אין זיך ניט קיין ברעקל אַכטונג צו יענעמס האָב און גוטס. פּע! עס איז אַ מאוסע טבע ר׳ יוד! אַ געמיינע טבע! אַ בוך, אַז מען נעמט מוז מען אָפּגעבן צוריק! איר הערט וואָס מען זאָגט אייך?! אויף קיין גוטן אָרט זאָלט איר ניט שטיין, איר אָפּגעלאָזטע בריאה!

און חיים־געצל לערנט יידן, ווי אַזוי אָפּצוגעבן אַ געבאָרגט בוך.

זיין זעלצענטע רעפאָרם.

# זיבנצענטע רעפֿאָרם.

## דאָס אָפּגעבערענגטע בוך.

די פֿאָריקע רעפֿאָרם האָט געהאָלפֿן. דער יונגערמאַן, האָט אָפּגעבראַכט חיים־געצלען ס׳בוך, וואָס ער האָט ביי אים געבאָרגט

איז דאָך, דאַכט זיך, שיין, פֿיין. איז אָבער אַן אַנדער צרה: דאָס בוך, וואָס דער יונגערמאַן האָט אָפּגעבראַכט האָט געהאַט אַזאַ אויסזען, ווי עס וואָלט נאָר־וואָס ניצול געוואָרן פֿון אַ שרעקליכער קאַטאַסטראָפֿע: צודריפּעלט, צופּליקט און שטאַרק, זייער שטאַרק פֿאַרעלטערט, ווי עס וואָלט פֿאַר דער צייט איבערגעלעבט, גאָט ווייס, וואָס פֿאַר אַ טראַגעדיע. דאָס ערשטע ליידיקע בלעטל איז אינגאַנצן פֿאַרמאָלט מיט פֿאַרשידענע געמעלעכצן און צאַצקעס, מגן־דודס, איק־מיקס־דריקסן, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס. מחמת אונזער יונגערמאַן האָט אַ ברודער, האָט ער פֿיל תשוקה און גרויס טאַלענט צו מאָלן. איז קיין אַנדער אָרט ניטאָ, ווו צו מאָלן, ווי נאָר אויפֿן ספֿר. ווייטער איז דאָרט געווען אויפֿגעשריבן אַ רשימה פֿון וועש און אַ צוויי דריי אַדרעסן. אויף דער אַנדער זייט בלעטל איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ געדרוקטער אויפֿשריפֿט, וואָס חיים־געצל שטעמפּעלט אויף זיינע ספֿרים. דהיינו: „מען בעט אויף דעם בוך ניט שרייבן, ניט פּאַטשקענען, ניט שמירן וכדומה“. איז וואָס האָט דער יונגערמאַן געטון? האָט ער טאַקע אָט דעמזעלבן אויפֿשריפֿט

איבערגעשריבן נאָכאַמאָל און אָפּגעקאָפּירט וואָרט ביי וואָרט מיט זייער אַ שיינעם האַנטשריפט, געציקט און געדריידלט, מחמת דער יונגערמאַן האַלט אין איין „אויסשרייבן די האַנט".

„מען בעט אויף דעם בוך, ניט צו שרייבן א. אַז. וו."

דאָסזעלבע אויך מיט דעם שער-בלאַט. ניט וויכטיק, וואָס דאָס טיטול-וואָרט איז דאָרט געדרוקט און דווקא שיין געדרוקט מיט פעטן שריפט. דער יונגערמאַן האָט געפונען פאַר זיין חוב יעטוועדער געדרוקטע שורה פון שער-בלאַט איבערצושרייבן און דווקא מיט „געשיווערטע" אותיות נאָכאַמאָל. אַ שטייגער, ווי אין צווייען וואָלט געווען שטאַרקער.

דערביי קומט אַ גאַנצער נוסח אַ מין „עקס-ליבריס".

זה הספר שייך.
למי שייך?
למי ששייך—שייך.
למי פאָרט שייך?
למי שקנה.
מי קנה?
מי שקנה — קנה.
מי פאָרט קנה?
מי שנתן מעות.
מי נתן מעות?
מי שקנה.
מי קנה?...



א. אַז. וו. א. אַז. וו.
סאַמע הכמה און וויץ.

הויבט איר אָן בלעטערן ווייטער. זעט איר באַשיינפערלעך אויף די בלעטלעך, צווישן די שורות, אויף די שורות, וואָס דער פּאַרשוין האָט געגעסן בשעת ער האָט דאָס בוך געלעזן: לאָקשן, פּאַכאָלעס, פּוטער, קעז, צימעס און נאָך אַזעלכע סמנים מובהקים.

און אויף די ברעגן? דאָ האָט איר ממש סתרי-תורה, הריפּישע הגהות, שאַרף-הכמהדיקע הערות און באַמערקונגען, וואָס דער טיפּזיניקער לעזער האָט געמאַכט בשעתן לייענען.

„איך וועלוול, בין ניט איינפאַרשטאַנדן מיטן אויטאָר".

„דערדאָזיקער טיפּ איז זייער „פּאָדאָבנע" צו מיין שוועסטער-קינד זעליג".

„דאָס איז אַ קריטיקע פון נאַטור און לעבן".

„דער פּאַרפאַסער האַלט פון סימוואָליזמוס".

א. אַז. וו. א. אַז. וו...

דאָס לעצטע ליידיק בלעטל איז אינגאַנצן אויסגעריסן. אַ־נים מען האָט באַדאַרפט שרייבן ערגיץ אַ בריוול אָדער סתם אַ שטיקל פּאַפּיר האָבן אין שטוב...

חיים-געצל האָט דערזען דאָס ביכל איז ער געוואָרן אש להבה, פלאַם-פייער.

— אַזוי האָט איר דאָס בוך גענומען?! אַזאַ אויסזען האָט עס געהאַט, ווען איך האָב עס אייך געגעבן!?... אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ פרעמדען בוך, האַ?... אַזאַ שמוציקע בריאה זיינט איר? מען האָט דאָך אייך באַדאַרפט דערפאַר אַוועקלעגן און קאַטעווען, קאַטעווען, קאַטעווען!... זעט, וואָס איר האָט פון בוך געמאַכט! עס איז דאָך אַן עקל עס אין האַנט צו נעמען! אין אַ חזיר-שטאַל באַדאַרפט איר זיך וואַלגערן און ניט לעזן קיין ביכער.

דער יונגערמאַן פינקלט מיט די אויגן אויף די פּאַטשקע-רייען פון ספר און קענטיק, ער האָט חרטה.

און חיים-געציל לערנט יידן, ווי אַזוי צו האַלטן ריין אַ בוך. זיין זיבעצנטע רעפאָרם.

# אכצנטע רעפארם.

## „יידישע פאָסט".

חיים־געצל באַקומט פון לאָדז, אַ נויטיקן בריוו! דער בריוו האָט שוין אָבער היבש פאַרשפעטיקט. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ פשוטע מעשה: דער בריוו איז געשיקט דורך „יידישער פאָסט", ד. ה. אַ באַקאַנטער ייד האָט דעם בריוו געדאַרפט אָפּ־געבן חיים־געצלען. נו, האָט זיך דער בריוו געוואַלגערט אין עושר און אין כבוד אין אַלע קעשענעס, וואָס דער ייד פאַר־מאָגט. אַפריער אין די בוזעמקעשענעס, דערנאָך אין די הויזנקעשענעס, אין דער דרום־קעשענע, אין דער צפון־קעשענע, דערנאָך האָט זיך דאָס בריוול סתם געוואַלגערט ביים יידל אין שטוב, אויף די פענסטער,



אויפן טיש, אונטערן טיש, צווישן די פּאָרטרעטן און אין די בעטן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דער ייד האָט זיך דערמאָנט און מיט מזל אָפּגעבראַכט חיים־געצלען דעם בריוו.

חיים־געצל באַקוקט דעם בריוו און צינדט זיך אָן פּלאַמ־פּייער:

— ערשט איצט האָט איר זיך אויסגעשלאָפן אָפּצוברענגען מיר דעם בריוו?! פּאַנטאָפּל־פּאָסט וואָס איר זיינט! קוים זיך אויסגעקראַצט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאוסע טבע אַזאַ? אַ נוי־טיקער בריוו. עס גייט מיר אין לעבן. די אויגן פון קאָפּ קריכן מיר שיער ניט אַרויס, און — גאָרנישט. ניט זיין באָבעס דאגה. עט, דער יידישער „עט", „מע", „בע"... קיין פיצל זין פאַר התחיבות, קיין ברעקל אָנשטענדיקייט, קיין האָר קולטור. עס פעלט אייך קולטור, ר' ייד, קולטור... „איר זיינט פאַרדרייט, „איר האָט קיין צייט ניט", טאָ ווער האָט אייך געבעטן אונטערצו־נעמען זיך אָפּגעבן דעם בריוו? אַז מען קאָן ניט און מען וויל ניט און אַז מען האָט ניט קיין מענטשלעכקייט אויף אַ האָר—נעמט מען זיך ניט אונטער. טפו! פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן מיט אייער הפקרות, מיט אייער פּינקטלעכקייט!

און חיים־געצל כעסט זיך, לערנט יידן זיין פּינקטלעך אין אַ שליחות.

זיין אַכצנטע רעפאָרם.

# ניַינצנטע רעפֿאָרם.

## אין אַ קראָם.

חיים־געצל קומט אַריין אין אַ יידיש געשעפֿט עפּעס קויפֿן

— וואָס ווילט איר? — פֿרעגט דער קרעמער פֿאַרנויגנדיק זיך טיף, און צוגיסט אויף זײַנע ליפּן אַזאַ גרייט־צום־דינסט־זיסן שמייכעלע, ברייט פֿון איין אויער ביזן צווייטן.

— גיט מיר, זייט אַזוי גוט — זאָגט חיים־געצל — דאָס און דאָס.



דאָס מין סחורה אָבער, וואָס חיים־געצל וויל, איז גראָד אין געשעפֿט ניטאָ, אויסגעגאַנגען. אין דער קרעמער גיט אים פּלוצלונג אַ שמיץ אָפּ פֿרעך מיט אַ ירגזון:

— נישטאָ! נישטאָ ביי מיר אַזאַ סחורה! — און ער גיט זיך אַ דריי אויס צו חיים־געצלען מיט זיין

קאַנטער־פּנים, אָדער מיט דעם זייט גוף, וואָס מענטשן האַלטן עס על־פּי־רוב פון הינטן—ווי איינער זאָגט: גייט אייך געזונטער־הייט און פאַרדרייט מיר ניט דעם קאָפּ.

אַזאַ טבע האָט אַ יידישער קרעמער. באַדאַרף ער האָבן דעם קונה, קריכט ער אים אונטער די נעגל. באַדאַרף ער דעם קונה ניט האָבן, באַהאַנדלט ער אים, ווי אַ לעצטן שבלעצטן.

מילא, איך מיט אייך, ליבע לעזער, זיינען מענטשן ווייכע, איינגעהאַלטענע, מען קען זאָגן לעמעשקעס שלינגען מיר אַראָפּ אַזאַ ביטערע פּיגולקע, שאַרן זיך אַרויס פון געשעפט, ווישן אָפּ די ליפּן און מאַכן אַ שווייג.

חיים־געצל אָבער, איז, ווי באַוווסט, אַ מענטש אַ „ספּיל־ציוועך" און קאָן ניט פאַרטראָגן קיין עולות מיט קיין גראָבי־קייטן. חיים־געצל האָט פיינט אַ כאַם. ער האָט ניט קיין מורא טאָמער שטייען אַ פולע קראָם מיט מענטשן. ער פאָרט אַרויס מיט אַ לעקציע און איז מכבד מיט דער אמתער עליה.

— ר' ייד—שרייט ער—איר זאָלט זיין אַביסל אָנשטענדיקער און ענטפערן ווי אַ מענטש! איך האָב פיינט אַ גראָבן יונג. איך פאַרלאַנג פון אייך ניט, אַז איר זאָלט צו מיר שמייכלען מיט אייער לעקישעוואַטן שמייכעלע, ווען איר דאַרפט מיך, און איך האָב פיינט, ווען מען ענטפערט מיר גראָב, ווען מען דאַרף מיך נ י ט. ביי אייך איז נאָר ד ע ר אַ מענטש, פון וועמען איר לייזט. און אַז איר לייזט פון מיר ניט קיין געלט, מעגט איר שוין זיך מיט מיר האַלטן אַזוי חוצפּהדיק?! קרעמערישע נשמה! גראָשנדיקע באַשעפעניש, וואָס איר זיינט! קיין פונק פון מענטשלעכקייט האָט איר ניט אין זיך. היה מקבל כל אדם בסבר פנים יפות. — יעדן מענטשן דאַרף מען אויפנעמען מיט אַ פריינדלעך פנים! אַזוי דאַרף זיין!

און חיים־געצל לעגט אַוועק אַ פּאָרציע, און לערנט דעם קעמער רעדן מיט קונים.

זיין נייגנצנטע רעפאָרם.

# צוואַנציקסטע רעפאָרם.

## ביים שאָך.

שאָך איז אַ קלוגע זאַך, אַ שכלדיקע זאַך, אָבער טאַקע גאָר אַ חשובע שפּיל. שאָך איז ניט קיין „דאַמקעס". דאַמקעס איז אַ גוישע שפּיל, אָבער שאָך איז אַ יידישע שפּיל אַ מענטש, וואָס האָט אַביסל געהירן אין קאָפּ און וויל זיך אַביסל פאַרווײלן מיט איידעלער קאָפּ-אַרבעט, מאַכט ער זיך אַ פּאַרטיע-שאָך. ער פאַרטיפט זיך, און צושטרייט זיך, און פאַרגעסט אָן אַלץ, און האָט זיך זיין גייסטיק פאַרגעניגן.



איז, ווי אָבער זאָגט דער פּאָעט? עס איז ניטאָ קיין רויז אָן דערנער. ניטאָ קיין שאָך-שפּיל אָן „קיבּע-צערס"—דאָס זיינען די זייטיקע צושויער, וואָס שטייען איבער אייער קאָפּ, הענגען אויף אייערע אַקסלען, פלייצעס, הוזשען, ווי די בינען, קוואַקען, ווי די זשאַבעס, און

זאָגן אייך אונטער צונג, און יעדער איינער פון די דאָזיקע „קיבעצער" איז אַ גאון, אַ לאַסקער, אַ רובינשטיין, און יעדער איינער האָט זיינע גענאַלע פּלענער, פלאדיקע קאָמבינאַציעס, און יעדער האָט זיין באַזונדער לשון, זיין ספּעציעלן שאָך־זשאַרגאָן, שאָך־ווערטלעך, חכמות, שטעך־ווערטלעך.

— אַ רוק, אַ רוק!.. אָט אַ־דאָס רוקט.

— און איך מיין, אַז מען זאָל רוקן דוקא דאָס!

— קאַליקע! אין „סטרולקעס" מעגט איר שפּילן!

— פּושער!

— אַליין אַ פּושער! פון ווען ביזטו עס אַ שאָך־שפּילער געוואָרן?

— ער האָט שוין איינמאָל אַ קאָפּ — אונטער זיך.

— אַ קאָפּ אויף צו טראָגן „ליאָדעס".

— שאַך!

— מאַט! פּאַט!...

איר אַליין זיינט שוין ניטאָ! איבער אייער קאָפּ אַרבעטן הענט, עס גראַבלען פינגער, פיגורן גייען כאַדאָראָם, ווערן גע־רוקט, געקלאַפּט, געשפּרונגען... און איר זיצט אַ מבולבלער און איר ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט איר זיינט.

חיים־געצלען פאַרוויילט זיך אויך אַמאָל מאַכן אַ פּאַרטיע שאָך. ער קלויבט אויס אַ רויקן ווינקל און זעצט זיך מיט זיין פּאַרטנער שפּילן.

נאָר באַלד זיינען זיי דאָ, די „קיבעצער" אין איין רגע רינגלען זיי אַרום. און עס ווערט ניט קיין שאָך־שפּיל, נאָר אַ האַראַמידער. מען אַרבעט אויף אַלע כלים. און יעדער מיט זיין לשון, מיט זיין נגון, מיט זיין עצה, מען שטופּט די פיגורן—דער אַהער, דער אַהין. חיים־געצל הויבט אויף אַ פיגור, וויל מאַכן אַ צוג, נאָר עמיצער כאַפּט אים די פיגור אַרויס פון האַנט, אַ קלאַפּ אָן ברעט:

— שאַך.

חיים־געצל שפּרינגט־אויף, ווי אַ באָמבע.

— משוגעים! פּראים! מגודלים! לאַפּיטוטן! די מינוט זאָל פון אייך דאָ קיין שריד ופּליט ניט בלייבן, וואָרום איך וועל אייך דאָ דערלאַנגען מיט דער שאַך־ברעט, אַז איר וועט דערזען די באָבען פון יענער וועלט!... ווער שפּילט? איך שפּיל צי איר שפּילט?.. האָט איר געזען אַ ביסל? מענטשן זאָלן ניט קאָנען שטומען אַ ווײַלע. עס קוועטשט זיי. דער נאַר שטופּט זיי. ווער פרעגט אייך אַ דעה, ווער? ווער דאַרף אײַערע עצות, ווער? איר קאָנט זיך ניט איינהאַלטן, טאָ גייט אייך פון וואַנען איר זיינט געקומען. זאָל יענער קרענקען, ווער עס וועט נאָך אייך בענקען! און אויב איר ווילט צוקוקן, טאָ פּלאַצט, ווערט צווועצט, אָבער שווייגן זאָלט איר, צו אַלדע רוחות!

חברה „קיבעצער” ווערט אַנטשוויגן. חיים־געצל שטעלט אויף אַ נייע פּאַרטיע.

זיין צוואַנציקסטע רעפאָרם.

# איינאונצוואַנציקסטע רעפֿאָרם.

## אויפֿן דאַטשע.

אַז נאַלעווקער יידן זיינען ניט שטאַרק מקפּיד אויף ריינקייט—דאָס איז ידוע פֿאַר יעדן.

ריינקייט—שמיינקייט, פּכּע!

אָט ווייסן מיר אַ נאַלעווקער יידן, וואָס איז געווען אין בערלין (וואָס אין דייטשלאַנד) איז ער געקומען צופֿאָרן צוריק אַהיים, האָט ער אַ לאַנגע צייט ניט געקענט קומען צו זיך פֿון יענער ריינקייט.



— האָט איר געזען אַ ביסל אַ ריינקייט! מען קען דאָך שטאַרבן פֿון אַזאַ ריינקייט...

אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן אַ דאַטשע.

הייס. די לופט איז אָנגעפּילט מיט זודיקן בליי, די זון באַקט, ווי אַ קאַלך-אויוון. עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון היץ, און חיים-געצל פאָרט אויף דאַטשע.

ער קלויבט אויס די יידישע דאַטשע-געגנט. חיים-געצל האָט ליב יידן, און אפילו די נאַלעווקער יידן, עס ציט אים צו זיי, ווי מיט אַ מאַגנעט. הגם שטענדיק האַלט ער אין איין קעמפן קעגן זייערע מיאוסע גלות-געוויינהייטן, תנועות, משונה-דיקע העויות נאַרישע גענג וכדומה.

הערסטו, דערפאַר קעמפט ער דאָך קעגן דעם אַלעמען, ווייל ער האָט זיי ליב. ווי אין פסוק שטייט: „את אשר אוהב ד' יוכיח".

מילא בקיצור, חיים-געצל פאָרט אויף דאַטשע, גייט אַראָפּ פון באַן און לאָזט זיך אויף דער ערשטער בעסטער דאַטשע, אויף אַ שפּאַציר. אָנקוקן גאָטס וועלטל, די שיינע נאַטור, די גראָז, די בוימער, אַן אָטעם טון די ריינע, פרישע לופט. פּלוצלונג—פּליוך! האַרט אונטערן נאָז דערהערט ער אַ פּליוסקען פון וואַסער. „מסתמא אַ פאָנטאַן—טראַכט חיים-געצל—עס שפּריצט און שלאָגט ווי אַ בריליאַנטענער שפּריירעגן. מאַלע, וואָס עס קען טרעפן... אָדער מען באַגיסט ערגיץ בלומען"... נאָר אַ טעות. ס'איז פשוט, אַ יידענע גיסט-אויס די פּאָמוניצע סאַמע ביי דער טיר. דאָס וואַסער פליסט, רוישט, צוגיסט זיך און פאַרשפּרייט אַ ריח-ניחוח איבער דער גאַנצער געגנט. חיים-געצל שפּרינגט אָפּ מלא חמה.

— טפו! פע!—צושרייט ער זיך, צוהאַלטנדיק זיך ביי דער נאָז—חזירים זיינט איר, ניט קיין מענטשן! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מען זאָל גיסן פּאָמוניצעס סאַמע אונטערן נאָז!... מענטשן זאָלן ניט האָבן קיין ברעקל זין פאַר ריינלעכקייט. פאַרוואָס איז אַרום די ניט-יידישע דאַטשעס אַזוי ריין, זויבער, ביי יעדן אַ גערטנדל אַרום דער שטוב, וואַזאָנעס אויף די פענסטער, אַ בלומל, אַ קוויטל—מחיה נפשות. און ביי אונז,

זאָל אונז צו קיין שאַנד ניט זיין, — אָנגעפּאַטשקעט, אָנגעפּאַסקו־
דיעט, אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטן! איך בעט שוין ביי אייך
ניט קיין בלומען, קיין זיסע ריחות, אָבער קיין עפּיש דאַרפט
איר דאָך ניט מאַכן!... איר פאַרשפּרייט דאָך אַ פּעסט, אַ כאָ־
ליערע און עס איז טאַקע אַ חלול־השם אויך! טפו זאָלט איר
ווערן!...

און חיים־געציל שרייט, ליאַרימט, זידלט זיך און לערנט
יידן האַלטן ריין אַ דאַטשע.

זיין איינאונצוואַנציקסטע רעפאָרם.

# צווייאונצוואנציקסטע רעפֿארם.

## אין אַ דאַטשע-צוג.

זומער-צייט אויף אַ דאַטשע-ליניע. איר זיצט אַזוי און פֿאָרט זיך אין דאַטשע-צוג. איר פֿאָרט דורך איין סטאַציע, אַ צווייטע און אויף יעדער סטאַציע פֿאַלט איר אַריין, ווי אין אַ קעסל-גרוב. אַ הימל-עפֿן-זיך-דיקער ליאַרם, אַ בהלה, פונקט, ווי די אַלע וועלדער אַרום זאָלן זיך געווען פלוצלונג אָנצינדן אין אַ העליש פייער און דער גאַנצער ערב-רב איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אַהער צו ראַטעווען זיך פֿון אַ זיכערן טויט.

נאָר זאָלט איר זיך ניט שרעקן. דאָס ווילן זיך אַזוי אונזערע דאַטשניקעס, דאָס עט פזיזא פֿאַרברענגט זיך דאָס אַזוי געמיטלעך און מנוחהדיק אויפֿן שויס פֿון דער רויִקער נאַטור...

און אָט אויף איינער פֿון די סטאַציעס ברעקלט זיך אָפּ אַ שטיק פֿון דער דרויסנדיקער מהומה און רייסט זיך אַריין צו אייך אין וואַגאָן אַריין.—דאָס רייסן זיך אַריין צו אייך עטלעכע בגלופֿנדיקע פּאַצעטן מיט עטלעכע מאוסע זומער-שפּרינקלדיקע מוידן—די אמתע ליבהאַרציקע דאַטשע-לייטלעך, מיט געשפּרענקלטע העמדער, מיט די זאָקן-בענדלעך אויף די אַרבל, מיט סענקע-וואַטע שטעקנס און מיט דעם לעפּיש-נאַרישן געלעכטער און רעש.

חברה פֿילט זיך, ווי ביי זיך אין-דער-היים. עס פֿליען די אמתע בטעמטע „חכמות", בחורים חנדלען זיך, מיידלעך

קאָקעטירן, שפּרינגען אים, ווי די פּילקעס פֿון איין אָרט צום צווייטן, פּאַטשן זיך איבער די קני, שנעלן זיך אין די נעז, און די מוידן קוויטשען, פֿאַרגייען אין התפּעלות פֿון די קלוגע קאַוואַלערן.

און איר פֿילט, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „הנה, זייט וויסן, אַז מיר זיינען אויף אַ זומער-וואוינונג, און אַך! פֿאַרברענגען מיר די צייט! און אַך, ווי מיר האָבן „פּאָוואָדזעניע”! היינט קענען מיר דאָס פֿלירטעווען! און מיר האָבן די גאַנצע וועלט אין דר'ערד. און כאָ-כאָ-כאָ! און כי-כי-כי!...”



פֿון גרויס פֿריילעכקייט כאַפּט איר אַריין אַ פּאָר סטוסאַקעס אין די זייטן, און איר פּרוווט פּראָטעסטירן.

— פּאַנאָוויע, פּאַנאָוויע! זייט דאָך אַ ביסל רויקער.

זיינען מיר אייך שוין ניט מקנא. חברה צולאָזט זיך אויף אייער חשבון.

— פּעטער פֿון וואַנען זיינט איר? כאַ-כאַ-כאַ!

— איך האָב אים אין לאָיעוויטש.

— פּעטער ווי הייסט איר?

— ער הייסט מאָישע, הייסט ער, כע-כע-כע!

— מאָישע פֿון פּיטשוטש. כי-כי-כי!

זיצט איר אין געהאַקטע וואונדן, און איר ווילט זיך באַגראָבן פֿאַר חרפּה.

אַז פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס ניט אונזער חיים־געצל, שפּרינגט אויף, ווי אַ ראַקעטע, און נעמט דונערן מיט קולות וברקים.

— אַך, איר לאַפּאַצאַנעס! איר כאַמרוקעס! בויטרוקעס! חוצפּהניאַקעס! שטיל זאָל מיר ווערן! די מינוט זאָל איך פֿון אייך קיין פּאַרע ניט הערן!... האָב־אייך־אַכט־און־אַכציק שוואַרצע יאָר!... נבזיקעס, וואָס איר זענט! שמענטעפּערניקעס! ווילט זיך מיר דאָס ניט אַריינפּאָרן אָט אַזוי אין די מיאוסע פּרצופים אַריין, אַז עס זאָל אייך פֿאַרגיין דער חשק צו מאַכן אַוואַנטורעס אין אַ וואַגאָן צווישן פֿרעמדע פּאַסאַזשירן! דרך־ארץ, איר אונערצויגענע סמאַרקאַטשעס! די גויען וועט איר אונז פֿאַרשוואַרצן!? לייטישע געלעכטער וועט איר אונז פֿאַר־שאַפֿן!? מען זאָל אונז די גויען שטעכן: „אָט זעט, ווי יידן האַלטן זיך אין אַ וואַגאָן!" אַז ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן! איר—אוה—אוה—אוה—!

אַזוי פֿייערט חיים־געצל און דונערט און זידלט. חברה פֿאַרלירט ס'לשון, ווערט אַנטשוויגן, ווי יורקעס חינט, און קוקן זיך איבער מיט די נאַרישע סאָווע־אויגן.

זיין צוויי־און־צוואַנציקסטע רעפאָרם.

# דריי-און-צוואַנציקסטע רעפאָרם.

## אַ אָוונט-באַל.

חיים-געצלען האָט זיך פאַרוואָלט בייצוווינען אַ יידיש-ליטעראַרישן קאָנצערט-באַל. איבערלייענדיק אַן אַנאָנס וועגן איינעם פון די דאָזיקע קאָנצערטן, וואָס זאָגט-צו פון פויגל-מילך, האָט חיים-געצל אָנגעקלונגען דורכן טעלעפאָן און באַשטעלט אַ בילעט.




צו דער באַשטימטער צייט קומט חיים-געצל צו צו דער קאַסע און געפינט ניט זיין בילעט. זיין בילעט איז פאַרקויפט געוואָרן אַן אַנדערן. מאַכט חיים-געצל אַ סקאַנדאַל און באַקומט אַן אַנדער בילעט, וואָס איז שוין פאַרקויפט געוואָרן אַ דריטן. קוועטשט זיך

חיים־געצל אַדורך צו זיין פּלאַץ און געפינט דאָרט זיצנדיק גאָר אַ פּערזאָן. מאַכט ער ווידער אַ סקאַנדאַל און באַקומט אַ נייעם פּלאַץ. קומט אַ נייער פּאַרשוין און טרייבט אים אַראָפּ פון זיין פּלאַץ. מאַכט חיים־געצל אַ נייעם סקאַנדאַל און... בלייבט שטיין צונויפגעדריקט אין אַ קאַשע מענטשן.

שטייט חיים־געצל און שוויצט, און קוקט צו דער בינע־צו, טאָמער וועט זיך אָמאָל אָנהויבן דאָס פּראָגראַם, וואָס דאַרף, לויט די אַנאָנסן אָנהויבן זיך „פּונקט אַכט אוהר מיט 15 מינוט".

פּונקט האַלב עלף באַווייזט זיך אויף דער בינע אַ פּאַרשוין און איז מודיע. אַז אַלע „קרעפּטע" זענען פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. ווער אויף דיפטעריט, ווער אויף אַפּענדיציט, ווער אויף „מענעגיט" און מען מוז דעריבער איינלאַדן „קרעפּטע" פון זאַל גופא.

באַווייזט זיך אַ נייע „קראַפט" פון זאַל גופא. אויף דער בינע. עפּעס טוט דאָרט די „קראַפט", עפּעס האַלט עס אָפן דאָס מויל, עמיך דרימבעלט אויף אַ הייזעריקן טאָפּטשאַן, נאָר ניט מען הערט און ניט מען זעט. אין זאַל שטייט אַ גערודער, ווי אויף אַ פערד־יריד.

גיט חיים־געצל אַ שפּיי און וויל אַרויסגיין, קאָן ער ניט. שטופּט ער זיך אַדורך מיט מסירת־נפש צו דער גאַרדעראָב. אַ בהלה! אַ געפילדער, ווי מייז אין אַן ערדציטערניש! בערג מיט מלבושים וואַלגערן זיך אויף דער ערד. מענטשן טרעטן איינער אויף דעם אַנדערן. רייסן זיך צו די מלבושים, ווי פּאַסאַזשירן פון אַן אונטערגייענדיקן שיף צו אַ רעטונגס־שיפל.

חיים־געצל טרעט פּלוצלונג אָן אויף עמיצנס אַ מאַנטל. צום גליק, איז עס טאַקי זיין מאַנטל. נאָר אויף זיין קאַפּעליוש קאָן ער שוין זאָגן אַ רבנן־קדיש. פון די קאַלאָשן — קיין זכר.

דאָ צולאָזט זיך חיים־געצל מיט דעם אמתן סקאַנדאַל, גאָר אויף דער אויבערשטער אָקטאַווע:

אַ קאָנצערט־אָוונט איז עס?! אַ חזיר־שטאַל איז עס? ווער

זיינען דאָס די אָרגאַניזירער פֿון אַזאַ אָוונט?: די פּיס און הענט דאַרף מען זיי צעברעכן! אַז מען קאָן ניט איינאָרדנען קיין אָוונט, נעמט מען זיך ניט אונטער: ס'איז אַ הפקרות! אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן! איבערגעפּירט מיר אַן אָוונט צייט. ביי קיין אומה ולשון ווערט אַזוי ניט געמאַכט! מיר שפּייען זיך אַליין אין פּנים אַריין...

און חיים-געצל פּיערט און סקאַנדאַלעוועט און לערנט ווי אַזוי איינצואָרדנען אָנשטענדיקע קאָנצערטן ביי יידן.

זיין דריי-און-צוואַנציקסטע רעפֿאָרם.

# פֿיר־און־צוואַנציקסטע רעפֿאָרם.

## ביים טעלעפֿאָן.

טעלעפֿאָן איז אַ גרויסע זאַך, אַ וויכטיקע זאַך, אַ נוצלעכע ערפֿינדונג — דאָס וועט קיינער ניט לייקענען אַפֿילו דער גרעסטער מיזאַנטראָפּ. אַ ווערטעלע צו זאָגן — אַ טעלעפֿאָן! און ווייל דאָס איז אַזאַ וויכטיקע און העכסט־נוצלעכע זאַך, איז מער ווי אַ יושר, אַז מענטשן זאָלן דערמיט ניט מיסברויכן. מילא, ביי זיך אינדערהיים קאָנסטו טאָן מיט דיין טעלעפֿאָן, וואָס דיין האַרץ גלוסט. אַריינריידן אין אים אַ פֿילן ספּאָדיק קיינער וועט דיר קיין דעה ניט זאָגן. דאָס איז דיין פּריוואַט־זאַך. רייד, פּלאַפּל, שיט־אויס דיין גאַנצן פּעקל באַגאַזש חכמה, שאַרפֿזיני־קייט און זאָל זיך יענער, נעבעך, וואָס דאַרף דיך אויסהערן, קימערן...

זיינען אָבער פֿאַראַן אַזעלכע פּאַרשוינען, וואָס קומען אין אַ געזעלשאַפֿטלעכן אָרט און פֿאַרנעמען דעם טעלעפֿאָן, אָקופּירן אים אויף שעהן לאַנג, און טו זיי עפּעס!

און דאָס איז שוין אַן עולה.

אָט אויף אַזאַ מין פּאַרשוין אַ דאַמע, האָט זיך חיים־געצל אָנגעשטויסן. אין אַן עפֿנטלעכן פּלאַץ, די דאַמע איז געשטאַנען און גערעט דורכן טעלעפֿאָן, געמאָלט, ווי אַ מיל, געשאָטן, ווי פֿון אַ לעכערדיקן זאַק, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט

אָרנישט נעמען ניט קיין סוף ניט קיין עק. און אייביק אייביק וועט זי אַזוי שטיין און בעלעבעטשן.

חיים-געצל איז געשטאַנען מיט נאָך אַ ריי מענטשן. ווי אויף הייסע קוילן און געוואַרט, ביז די דאַמע וועט ענדיקן ריידן, נאָר די דאַמע האָט אַ פּנים, ניט געהאַט בדעה צו ענדיקן.

צוערשט איז געגאַנגען די ליבהאַרציקע „אינטריגע“, „יאָ דערקענט“, „ניט דערקענט“. דערנאָך איז אַוועק אַ זייער קלוגער פֿלירט מיט „קאָקעטעריע“, „שאַרפֿזין“, וויץ... נאָכדעם עטלעכע „פֿליאַטקעס“. „איך האָב געזאָגט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז זי האָט געזאָגט“ אַז און אַזוי וו... און אַזוי וו... דערנאָך איז אַוועק אַ געשפּרעך וועגן קינאָ מיט אַ גאַנצן ספּור-המעשה... „איז, אַז דער גראַף קאַפּעדריילע איז געלאָפֿן מיט זיין געליבטע ראָזעטאַ קיין קאַרליפֿאָרניע נאָך דעם געלן גאָלד, איז ער באַפֿאַלן געוואָרן פֿון שוואַרצן אינטריגאַנט, וועלכער האָט דעם גראַף אַריינגעוואָרפֿן אין טייך מיסיסיפּי און די ווייסע שקלאַפֿין צוגעבונדן צום מאַסטבוים פֿון אויטאָ. און אין איר אויסגעשאָסן פֿון אַ פֿייַלנבויגן. די ניפּטיקע פֿייל איז געפֿלויגן...



חיים-געצל האָט אַ הוסט געטון. נאָר זי האָט ווייטער גערעט. „...דער גראַף איז צוגעשווומען צו ניו-יאָרק אַרויסגעשיקט

100 דעטעקטיוון אין אַן אויטאָ... און די פֿייל איז אַלץ געפֿלויגן... איז דער אויטאָ קאַליע געוואָרן... און די פֿייל איז אַלץ געפֿלויגן צום קערפּער פֿון דער אומגליקלעכער... שקלאַפֿין... האָבן די דעטעקטיוון געכאַפּט אַן עראָפּלאַן... די אומגליקלעכע האָט מיט שרעק צוגעקוקט, ווי די גיפֿטיקע פֿייל פֿליט צו איר, אָט באַלד וועט זי דורכלעכערן איר צאַרטע ברוסט... נאָר באַלד באַווייזט זיך דער עראָפּלאַן מיט די דעטעקטיוון... און ווען די גיפֿטיקע פֿייל געפֿינט זיך שוין אויף אַ האַלבן מילימעטער פֿון איר ברוסט, ווערט זי געראַטעוועט...

דער עולם אַרום אָטעמט אָפּ פֿרייער, מיינען אַז עס איז שוין אַ סוף. נאָר דאָ ערשט הייבט זיך ערשט אָן אַ שמועס לאַנג ווי דער יידישער גלות וועגן קליידער און מאָדעס, פֿאַסאָנען, „האַפֿטן", „טוניקעס", „מאַריאַ סטיוואַרט", „זשאָרזשעטן", „קאָראַלן", „קריגאָלינעס", „פֿאַלדן", „קאַרבירן" א. אַ. וו., א. אַ. וו.

חיים-געצל האָט איר געפּרובט גאַנץ העפֿלעך אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף דער אויפֿשריפֿט, וואָס איז געהאָנגען איבערן טעלעפֿאָן. געמעלעך: „ניט צו פֿאַרנעמען דעם טעלעפֿאָן מער, ווי דריי מינוט". נאָר די דאַמע האָט געטון אירס —

... פֿון אויבן „פּיינט" און פֿון אונטן „בופֿעס" אָנגעקומען אין „קאָראַנקעס" מיט „איינזאַץ"...

דאָ איז חיים-געצל אַרויס פֿון די כּלים, און ער האָט זיך געווענדעט צו דער דאַמע מיט גרויס פּאַטאָס און מיט דעם זעלבן לשון, ווי נאַפּאָלעאָן ביי די פּיראַמידן:

— מאַדאַם! פּערציק פּאַרשוין שטייען הינטער אייך און וואַרטן ביז איר וועט ענדיקן אייער שאַרפֿזיניקן קלוגן און העכסט וויכטיקן געשפּרעך... איר דאַרפֿט אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז אָט די אַלע מענטשן, וואָס וואַרטן, האָבן עפּיס אויך צו זאָגן וויכטיקעס דורכן טעלעפֿאָן. איר האָט אַ פּנים פֿאַרגעסן, אַז דער טעלעפֿאָן איז ניט אייערס אַ פּריוואַט-טעלעפֿאָן, און אַז דער טעלעפֿאָן איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר אונדז אַלעמען, ס'איז ניט קיין

יושר און אַ ביסל גראָבלעך, און עגאָיסטיש, און חוצפּהדיק צו פאַרנעמען אַ טעלעפאָן אין אַן עפנטלעכן אָרט אַ לאַנגע צייט און לאָזן אַן עולם וואַרטן אויף הייסע קוילן. עס איז ניט קולטורעל, ניט געזעלשאַפטלעך, און ניט גאָר אָנשטענדיק — פאַרשטאַנען?

די דאַמע האָט נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, זיך פאַררויטלט, אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און פאַרשוווּנדן.

היים־געצלס פיר־און־צוואַנציקסטע רעפאָרם.

# פינף- און- צוואנציקסטע רעפארם.

## בעטלער.

ברודיקער פון אלע בעטלער אויף דער גאנצער וועלט איז דער יידישער גאסן-בעטלער.

גייציק, אומפארשעמט און פרעך ביז ביין אריין.

חוצפהדיק רייסט ער זיין נדבה, ווי ער וואלט ביי אייך א חלק איינגעלעגט. ער קריכט אייך נאך ביז שלאפצימער אריין. ער עסט זיך איין אייך אין די געדערים, ווי א קלעק, ווי א זלידנע פליג, אז איר קאנט פון אים ניט לויז ווערן.

דאס איז ער, דער יידישער גאסן-שנארער, זאל אונז צו קיין חרפה ניט זיין.

גייט איר איבערן גאס, פארלויפט ער אייך דעם וועג, רייסט אייך ביי די פאלעס, חנפהט, וויינט, פריצטעוועט מיט דעם העסליכסטן נעבעך-פנים, מיט די עקלהאפטסטע רחמנות-העויות און תנועות.

— הארעלע, ליבינקער הארעלע! קרוינעלע, מאדאמישי! פעטערשי! לאנגע יאר זאלט עטץ האבן!... זאל ענק גאט שענקען ברוכה צלוחה... אוי, אוי, פעטערשי! זאלט עטץ דערלעבן ביז הונדערט צוואנציק יאר!... זאלט עטץ... אוי, אוי, אוי!... אן אמעריקאנער!... עטץ זיינט אן אמעריקאנער!... גיטץ מיר א דאלאר! א. אז. ו. א. אז. וו.

און גיט איר ניט, באפאלט מען אייך מיט ביטערע תוכחה.

— א ניכפה זאָל ענק דערוואַרגן!... אַ פײַער זאָל ענק זעך ארײַנכאַפּן אין בױך!... זאָל מען ענק די קישקעס מאַטע־רן!... זאָלט עטץ ברענען ווי קין און קאַפּטשען ווי רויך... א קרענק, אַ כאָלערע, אַ מיתה־משונה...

חיים־געצל איז אַ מענטש און אַלעס מענטשלעכע איז אים ניט פרעמד. געבן אַ נדבה? מהיכי־תיתא. פאַרוואָס ניט געבן אַן אָרימען אַ נדבה?

נאָר דערזעט ער די כאַליאַסטרע ײדישע גאַסן־בעטלער אויף דער גאַס, בלייבט ער אַ טויטער, עס פאַלט אים איין די דמים.

ער פאַלט אַרײַן ווי אין אַ מהומה שדים פון דער שאול־תחתיה אַרויס. רײַסעניש, גריל־צעניש און געשלעגן. נאָר שיער וואָס ער ווערט ניט פון די טשאַטע צוריסן אויף שטיקלעך.



— אָי, אָי, פעטערשי! גיטץ מיר! גיטץ נישט אָט יענער מכשפה! זי האָט דאָך אַ מאַן!—שפּרינגט אים אַ ײדענע אין די אויגן און שטופּט אים אַ קינד אין פּנים—און איך בין טאַקע אַן אלמנה מיט זיבן קינדער. מײַן מאַן איז טאַקי געשטאָרבן פון שווינדזוכט...

— אַוועק, דו פגירה! דאָס איז דען דײַן קינד?! דאס איז דאָך אַ געבאָרגט קינד!

— שענקטס עפּעס אַ קאַליקע מיט אַ הילצערנעם פוס!...

קויפט אַ פּודעלקע זאַפּאַלקעס!...

— אַזוי פּיל מכות דיר, וויפל געלט דו האָסט באַהאַלטן אין דיין פוס! ממזריוק!...

— הארעלע, קרוינעלע! ער האָט אין זיין הילצערנער פיאַטע מער, ווי איר אין קאָפּ. אַ מאַראַוויכער קען!

— שענקטס אַ נדבה! איך בין אַ משוגענער!

אַז חיים־געצל גיט זיך דאָס ניט אַ שטעל אַוועק און וואַרפט זיך אַרויף אויף דער באַליאַסטרע שלעפּערס:

אַוועקט! אַוועקט! מנוולים! פּאַסקודניאַקעס! איר האָט דאָך דעם צלם־אלקים פאַרלוירן!... חזירים זיינט איר! ערגער פון חזירים!... איר מיינט, אַז מיט אַזעלכע געננג וועט איר עפּעס אויסבעטלען?... איר וועט דאָך פון זיך פאַרטרייבן, אַז קיינער וועט אייך קיין פרוטה ניט געבן!...קוקט זיך צו. טוען דען די אַנדערע בעטלער אַזוי? פאַרוואָס שטייען יענע אַזוי שטיל און באַשיידן. באַפאַלן נישט אַזוי אַ דורכגייער, ווי משוגענע הינט. שטייען זיך אויף זייערע ערטער, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, שענקט זיי אַ נדבה. אָן חרמות, אָן קללות און געשרייען און געשלעגן... טפו!... ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן, איר פאַרמיאוסט אונז דאָס לעבן, פאַרמיאוסט איר אונז... עס איז ניט ניחא איבער אייך אויף דער גאַס אַרויסצוגיין, איר, עקל־האַפטע ברואים, וואָס איר זיינט!...

אַזוי שרייט חיים־געציל אויף די בעטלער. לערנט זיי ווי צו בעטלען. די באַליאַסטרע רוקט זיך אָפּ ביסלעכווייז, בלייבן שטיין יעדער אויף זיין אָרט, שטיל, באַשיידן... חיים־געציל רוקט אריין יעדן זיין נדבה אין האַנט און גייט אַוועק.

זיין פינף־און־צוואַנציקסטע דעפּאָרם.